STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00192

# KINES FUN UNDZER TSAYT

Malka Lee

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Lillian & Victor Gross*
*in memory of*
*son, Stephen Michael Gros*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לי

# קינות
## פון אונדזער צייט

א. גודלמאן.

Copyright 1945 by
MALKA LEE

209

שער־בלאַט פון סקולפּטאָר
**אהרן גודלמאַן**

אַרויסגעגעבן פון דער שרייבער־סעקציע ביים איקוף
מיט דער הילף פון מ. פרומין

# I

## ביכער פון מלכה לי

לידער — 1932 גענאַגגען — 1940

פלגי מים תרד עיני
על שבר בת עמי.

**איכה**, ג, 68.

**מיין מאַמען און טאַטן**
**דאָס בוך געהייליקט.**

# צום צווייטן המן

ניין, דו וועסט מיך ניט אויסראָטן,
מיט דיין פייער, מיט דיין שווערד.
וועסט פאַרשניידן נאָר מיין שאָטן —
אייביק גרין איך אויף דער ערד.

ווילסט מיין אויסגעשריי פאַרשטומען,
און דורך שווערד זען מיין סוף;
כ׳וועל דיך איבערלעבן, המן,
וועסט צאָלן המנדיק די שטראָף!...

ווי דער זוימען בין איך אייביק,
ווי דאָס זאַמד אויף יעדן ברעג.
דורך מאַרטירער־בלוט געהייליקט,
צי איך אייביק מיינע טעג.

ניין, דו וועסט מיך ניט פאַרשניידן,
אויסמעקן מיין שטאַם וואָס בליט.
כ׳בין געקניפט מיט אייביקייטן —
דיין קללה־וואָרט וואָס רופט זיך ייד.

ניטאָ קיין האַנט מיך אָפּצומעקן,
דורך די געטאָס און דורך פלאַם.
דו וועסט בלייבן — דאָרן־שטעקן,
און איך — דער בליענדיקער שטאַם...

# ווי קאָן איך זינגען ?

ווי קאָן איך זינגען ?
אַז קאַנאָן איז היינט געזאַנג
און הילכט אין שטילקייט פונעם וואַלד מיט זיין טויטן־קלאַנג.
איך זע די ביימער ווי די זעלנער אין רייען אַנגעשפּיזט,
מיר דאַכט : פון יעדן ווינקל לויערט אויף מיר פּאַשיסט.
איך קאָן ניט בעטן, איך קאָן ניט וויינען —
ווי נעמט מען שמשונס כח,
אַ טרייסל טאָן דעם שונא פון זיין הויך,
און מיטן טויט וואָס זייט אויף פעלד און ערד,
פאַרוואַנדלען אין אַ סערפּ — זיין שניטער־שווערד ?
איך בין מקנא פייער, וואָס עסט זיך אויף אַליין,
פון פלאַם עס רינט קיין בלוט.
איך בין אַ שוואַם אַנגעזאַפּט מיט פּיין —
געזאָגט האָסטו, מיין גאָט, דיין באַשאַף איז גוט ;
איך האָב שוין ניט קיין טרערן — איך בין אַ קנויל געוויין
און שעלט היינט מיין געבוירן — אַ מענטש צו זיין.

ווי קאָן איך זינגען —
פאַרן עכאָ, וואָס קייקלט באַרג־אַראָפּ מיין קלאַנג
און וואַרפט צוריק אין פּנים מיר דאָס געזאַנג.

# ער גראָבט פאַר זיך אַ קבר

ס'איז ווייסער שניי,
אַ דימענט־נאַכט;
בעריאָזעס ווייס־באַדעקטע,
אַ וויסט געשריי,
ווי אויף אַ שלאַכט —
אַ האַלדז אַן אויסגעשטרעקטע.

אַ תליה וואָרט,
מיט שטריק אין ווינט,
ציט זיך צו איר קרבן.
אַ ייד פאַרשטאַרט,
ווי גראָז פאַרגרינט —
שאַרט זיך האַלב געשטאָרבן.

דער תליון שרייט:
אַ שאָד דער שטריק
אויפן האַלדז פון יידן!
אַ חלף שניידט
אין תליונס בליק —
דערלאַנגט ער אים אַ רידל.

דאָס רידל ווינט
אין יידנס האַנט,
ער גראָבט פאַר זיך אַ קבר.
דאָס האַרץ פאַרשטיינט,
דער תליון שפאַנט,
און היט זיין יעדן אבר.

די באָרד מיט אייז,
די פיס געשמידט,
די ערד גרייכט שוין די לענדן.
אין רונדן קרייז
עס זינקט דער ייד —
די ווייסע שנייען בלענדן.

ס'איז ניט די שרעק
צו זען דעם טויט,
— אַליין דעם קבר גראָבן.
גאָט, פאַרוואָס, איך פרעג,
זיין שפייז פאַר רויב
פון וועלף און ווילדע ראָבן?!

עס צוויקט דער פראָסט,
עס שווייסט דער שניי,
עס טאָגט אין אים אַ ניגון;
האָסטו פאַרלאָזט
מיין לעצט געשריי,
צו זיין אַזוי פאַרשפיגן?

עס שוואַרצט אין מוח,
דער גוף ווערט בליי;
גאָט! ביי וועמען מאָנען?
מיטן לעצטן הויך,
ער גיט אַ שפיי
מיט בלוט אין נאַציס פּנים!

אַ קויל צעשאַלט.
דאָס רידל שטילט.
דער קבר ביזן אַקסל,
זיין האַנט ווערט קאַלט,
זיין גוף פאַרקילט,
מיט שניי אַרומגעוואַקסן.

דער קאָפּ שניי־ווייס,
מיט בלוט פאַרפלעקט,
פאַרגלאָזטע טויטע אויגן.
עס שטאַרצט דער גרייז,
פאַרשטאַרט אין שרעק,
אין קבר אויסגעצויגן.

ער איז אַ טייל פון ערד און שטיין
מיט וואָרעם אין דער נידער.
ווי אַ זייל, וועט זיין געביין —
דורך דורות אויפגיין ווידער...

# קינדערלעך אין פאַרזיגלטע וואַגאָנען

קינדערלעך אין פאַרזיגלטע וואַגאָנען,
מיט אָפּגעגאָלטע קעפּלעך אויסגעשטעלט צום טויט.
יינגעלעך און מיידעלעך — ניט צום דערקענען,
ווי שעפּעלעך אין פּחד איינגעקנוילט...

קינדערלעך אין ענגשאַפט איינגעשלאָסן,
מיט שוויס־טראָפּנס די פּנימלעך פאַרגעלט.
פלעשעלעך מיט טרערן אָנגעגאָסן,
אויסגעשטעלט דורך שפּאַרעס צו דער וועלט...

אוי, רעגן, פלייץ דיין וואַסער פונעם הימל,
פּיל אָן די פלעשעלעך זיי פאַרן טויט.
— דער רעגן וואָלקנט אין זיין וואַנדער־דרימל,
די ליפּעלעך אין דורשט פאַרבלויט...

קיינער וויל אויף זיי זיך ניט דערבאַרעמען,
אָנגיסן אין פלעשעלעך אַ טרונק;
בלויז קראָען אויפן הימל ליאַרעמען,
פליען נאָך דער באַן אין פלאַטער־שפּרונג...

די באַן, זי יאָגט צו דער סטאַנציע פון גסיסה,
מיט גאַזן זיי צו מאָרדן אין געהיים;
אויף יעדן יידיש קינד עס וואַרט אַ מיתה,
יידן־זייף — פון קינדערשן געביין...

— — — — — — — — — — — — — —

קינדערלעך אין פאַרזיגלטע וואַגאָנען,
גופימלעך אין קופּעס אויסגעשטרעקט,
מיט בייכעלעך — אָנגעבלאָזענע באַלאָנען,
מיט אייגעלעך פאַרגלאָזט אין שרעק.

פאַרנעם, מיין פאָלק, דורך בערג און טאָלן,
צאָל אָפּ מיט האַס פאַר אַלץ, פאַר אַלץ.
זאָל יעדע מאַמע פון די היטלער־מחבלים
פאַרשטיינערט ווערן אין אַ זייל פון זאַלץ!

# צעפּ

שוואַרצע, בלאָנדע, ברוינע צעפּ,
אָפּגעגאָלט פון פרויען־קעפּ,
אָפּגעשאָרענע אין וואוט,
אויסגעריסענע מיט בלוט;
צעפּ פון פרויען אין אַ באַרג,
אויססאָרטירטע פאַרן מאַרק.

ליגט אַ בערגל, פריש ווי היי,
ווײ איז אונדז, ווינד און ווײ —
צעפּלעך דינע, בלאָנד ווי שטרוי,
מיט סטענגעס רויטע, ראָז און בלוי,
בערגלעך האָר, ווײ און ווינד —
אָפּגעגאָלט פון יעדן קינד.

גרויע צעפּ, ווי סטרונעס האַרט,
בלאָנדע לאָקן, גאָלד און צאַרט;
די גופים ליגן איינגעשטילט,
אין קאַמערן מיט גאַז געפּילט.
בלוט אויף פייער אויפגעלייזט,
אַ וואָלקן רויך צום הימל שפּרייזט.

דייטשע גרעטכענס, צירט די קעפּ
און באַקרוינט זיך אין די צעפּ!
פלעכט אַריין אין אייער דור
שוואַרצן פּיין פון מיידל־האָר!
וואָשט די לייבער אייערע טריף
אין גליוער־בלוט פון יידן־זייף!...

צירט זיך אינעם פרעמדן גאָלד,
גאָלד, מיט לעבנס אָפּגעצאָלט.
קדושין־פינגערלעך געשענדט,
אָנגערויבט פון טויטע הענט!
גאָלד געשלעפּט פון טויטע ציין,
אויף שייטערהויפנס דאָס געביין!

צירט זיך אין די פרעמדע צעפּ,
פון די שאַרבנס מיידל־קעפּ!
יעדער שאַרבן מאָנט און בעט:
גיב מיר אָפּ דאָס גאָלד פון צעפּ!
מיין הויט, ווי דיין, געווען איז קלאָר,
גיב מיר אָפּ דאָס גאָלד פון האָר!

און גרעטכען ליגט אין בעט פון זנות,
זויגט אָן „אַריער־קינד" ביים ברוסט,
דייטשלאַנדס קינד פון נייעם רייך!
אַלע ליפּעלעך זויגן גלייך —
נאָר ווייס דעם סם, וואָס זויגסט אַריין,
סם פון צער — סם פון פּיין...

— — — — — — — — — — — —

קינד, איך וועל דיך היינט באַשווערן,
סם וואָס זויגסט — זאָל דיין דור פאַרצערן,
דיין מאַמעס ברוסט פאַרדאַרנט זאָל ווערן,
דיין שטאַם זאָל אויפהערן געבערן,
דיין לאַנד, ווי סדום, פאַרוויסט זאָל ווערן,
פאַר אונדזער בלוט, צער און טרערן!...

# דער בערן־טאַנץ

האָבן נאַציס דעם רבין מיט בייטשן געטריבן,
דורך שטעכיקע גריבער אין טלית און תפילין...

די מאָרדעס מיט שווין און וויך זיי גלאַנצן —
דעם „בערן־טאַנץ" דער רבי זאָל טאַנצן...

זיי ברילן ווי חיות, דורך היילן און לעכער:
— שמוציקער יודע! הויב די פיס העכער!

ער הויבט די הענט, שרייט אויס דורך טרערן,
די גאַנצע וועלט זיין שטים זאָל דערהערן...

ער הויבט די פיס געשמידטע אין קייטן —
ער הערט דאָס געזאַנג פון פידלען און פלייטן...

ער הערט דאָס קול פון שופר — געבלאָזן,
און ווילד האָט דער רבי אין טאַנץ זיך צעלאָזן...

עס טאַנצן בייטשן אַרום אים אין שווינדל,
ער דרייט זיך אין טאַנץ — אַ פייערדיקער שפינדל...

הימל און ערד נעמען זיך פלעכטן,
אין טויטן־טאַנץ דאָס לעבן אויספעכטן...

ער זעט אין טאַנץ דורך בלוטיקע וועגן,
רבי עקיבא קומט אים אַנטקעגן...

די רוימער בריען זיין לייב מיט צוואַנגען,
און ער גייט אַנטקעגן דעם טויט מיט געזאַנגען...

אויף קידוש־השם ער טאַנצט מיט די אָבות,
און ראַנגלט אין טאַנץ זיך מיטן מלאך־המות...

עס בליצן די ציינער פון חיהשע דייטשן,
דער רבי טאַנצט אין געפּאַך פון בייטשן...

זיי האָילן און קייכן ווי טיגער און בערן,
דער רבי טאַנצט מיט פאַרפרוירענע טרערן...
העכער! העכער! אויף אַ לופטיקן לייטער
פון פּיין און וויי, ער טאַנצט אַ באַפרייטער...

ער טאַנצט קעגן רוצחים אין טלית אָן מורא,
ווי צו די הקפות שמחת־תורה...

אַזוי האָבן נאַציס פאַרשמיסן דעם קרבן —
טאַנצנדיק איז דער הייליקער רבי געשטאָרבן...

# די קללה פון אַ מאַמען

צווישן נאַציס הענקערשע,
זין ממזרשע, בענקאַרטשע,
האָט אַ יידיש מיידל שטיינער געטורעמט:
איר לייב דאָס געפּייניקטע,
דאָס הייליקע — און פאַרשווייניקטע,
האָט פאַר זיך אַן עשאַפּאָט געפּורעמט.

זי האָט די שטיינער געקליבן,
מיט טרערן יעדן שטיין פאַרשריבן,
אַ מזבח אויפגעשטעלט.
איר קאָפּ אין תליה אַריינגעשטעקט,
האָבן שטיינער זיך פון שלאָף געוועקט,
איר יונג לעבן מיטגעשלעפּט.

אויפן האַלדז — אַ תליה־קייט,
אונטער איר — אַ ליידיקייט,
הייסע קוילן אירע פינגער גליען,
פון דער ערד שוין אָפּגעטיילט;
דער המון האָילט און האָילט —
אַ פויגל צאַפּלט זיך אין פליען...

געשען איז דאָס אין בערדיטשעוו;
סאָוועטנלאַנד — אַ פריד־ישוב,
די נאַציס האָבן צוגערויבט —
פאַר איר לעבן דעם פריידיקן,
פאַר איר גלויבן דעם הייליקן,
האָט מען זי געטויט.

וואָס איז שטאַרקער פון שטומען שטיין?
איר מאַמע דעם טויט האָט צוגעזען,
און יאָמערדיק אַראָפּ פון זינען,
מיט געלעכטער און מיט שפּאָט,
באַגלייט מען זי צום עשאַפּאָט —
איר קינד דאָס איינציקע געפינען...

ווען די נאַציס די מערדערשע,
די אַרישע, די פערדישע,
האָבן פון נצחונדיקע זיגן —
שטייט די מאַמע ביים עשאַפאָט
און רעדט צו זיך, און רעדט צו גאָט,
און נעמט די תליה וויגן...

ווען זי וויגט דעם טויטן גוף,
קלינגט איבער וועלט דער מאַמעס רוף —
די גאַנצע וועלט שטייט אין פלאַמען!
עס טראָגט זיך איר יאָמער־קול,
דורך ימען, בערג און טאָל:
די קללה פון אַ מאַמען!

# דאָס קול פון אַ קינד

איך וויל ניט מיט טינט די ווערטער באַקליידן,
מיט בלוט פון מיין האַרץ די קינות פאַרשרייבן...

דאָס איז געשען אויף די פעלדער די גרינע,
אין זוניקן לאַנד פון אוקראַינע.

מען פירט צו דער שחיטה — אַ בלוטיקע פּאַנאָראַמע,
אויף די זאַנגען די גרינע — אַ מעוברתע מאַמע.

מיט ווילדן „געהאַיל" געיאָגט פון די שעכטער,
מיט אַ נאַקעטן בויך, מיט געשפּאָט און געלעכטער.

די מאַמע, זי גייט — מיט איר שוואַנגערדיק לעבן,
מען שמייסט זי — דעם טויט עס אָפּגעבן...

איר בויך אויפגעשוואָלן מיט שוואַרץ־ווייסע ריסן;
ווי אַ טלית געהייליקט, פון בייטשן פאַרשמיסן.

ניט זי וויינט, ניט זי שרייט, די ציינער קריצן,
זי וויל מיט די הענט איר בויך נאָר באַשיצן.

אין אָפּענעם קבר מען שליידערט צוזאַמען,
דאָס ניט־געבוירענע קינד, מיט דער מאַמען.

— — — — — — — — — — — — —

קומט אָן די נאַכט — גייט אויף אַ יללה,
פונעם מאַרטירער־קבר גייט אויף אַ קללה —

עס טראָגט זיך אַ קול צו די מערדערשע אויערן,
דאָס קול פון אַ קינד — וויל ווערן געבוירן...

דאָס ניט־געבוירענע קינד רייסט זיך צום לעבן,
און וויינט פונעם קבר דורך בלוטיקע פעדים...

דאָס קול פון אַ קינד, וועט די מערדער באַגלייטן,
און רופן נקמה — דורך אייביקייטן...

# צו חלום

ביסט געקומען אין מיין שלאָף צו חלום,
דו ייִנגל פון מיינע קינדער־יאָרן;
מיטגעבראַכט דעם חורבן פון די טאָלן,
און פאַרשאָלטן דיין געבאָרן.

ווי די צייט האָט זיך געביטן,
ווי דאָס פּנים פון דער מאַפּע:
אויף דיין שטערן צלמים שניטן,
אויף דיין אָרעם — אַ געלע לאַטע.

די הייזער אויף פרידריכסשטראַסע,
מיט האַקנקרייצן אויף די שויבן;
אַנטקעגן שוואַרצט אַ ייִדן־מאַסע,
דאָס אָפּפאַל מיסט מיט הענט זיי קלויבן.

פאַרוואָס־זשע ציטערן דיינע דינע ליפּן?
באַהאַלטסט פאַר מיר דיין לאַטע־אָרעם;
ווער האָט די גאַסן דאָ פאַרביטן,
די שטאָט פאַרזייט מיט ייִדן־קברים?

וואָס דרייסטו אײַן זיך ווי אין שרויפן?
דיינע פיס צום שטיין גענאָגלט;
פון אַלע גאַסן, פון אַלע הויפן,
מיט שטיינער איבער דיר עס האָגלט...

ווער האָט דיין יונגן גוף פאַרשמיסן,
דיינע שוואַרצע קרויזן אָפּגעשאָרן?
דיינע אויגן וועקן וועלטס געוויסן —
דו ייִנגל פון מיינע קינדער־יאָרן...

# אַ טויטן־וואַלץ

צו פאַרשרייען די קרעכצן פון די קרבנות,
האָבן די היטלער־מערדער געשפּילט
שטראַוסעס וואַלץ אויפן גראַמאָפאָן.

עס דרייט דער קאַמער זיך אין טויט־מיראַזשן,
זיי שטייען נאַקעט, אָפּגעגאָלט, אין קנויל;
די העלדזער שטיקן זיך פון טויטן־גאַזן,
אין די אויגן — שרעק, געבעט און גרויל.

עס שפּילט אַ וואַלץ, עס פליסט אַ ניגון,
ווי שיכורע זיי שוועבן אין אַ טראַנז;
די גאַזן זייערע חושים איצט פאַרוויגן,
אין טויטן־קאַמער שפּילט אַ ווינער וואַלץ.

עס שפּילט אַ וואַלץ, זיי קאַרטשען זיך אין דרייען,
זיי קראַמפּן זיך אין אַ מתים־טאַנץ;
דאָס שפּילט דער מערדער זייער טויט־לויה,
און גיסט שאַמפּאַניער אין זיין האַלדז.

אין גסיסה־אַנגסט אונטער שטראַוסעס קלאַנגען,
דער מערדער קוקט דורך אַ געהיימער שפּאַלט.
ער זעט: ווי לייבער קאַרטשען זיך ווי שלאַנגען
און ברענען ווי די ביימער אין אַ וואַלד.

דער מאַסן־מערדער וויל פאַרטויבן די געשרייען,
האָט ער אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן;
ער שפּילט אַ וואַלץ — צום טאַקט ווי זיי פאַרגייען —
ער טויטעט זיי דורך גאַז פון אַ ציקלאָן.

— — — — — — — — — — — — — —

יאָהאַן שטראַוס, דו גרויסער קאָמפּאָזיטאָר!
דו האָסט דיין ווערק געשאַפן בלויז פאַר טאַנץ;
פאַרוואָס גיט דיין קבר ניט קיין ציטער —
דער מערדער האָט פאַרשוועכט דיין וואַלץ...

# מיין זיידנס ניגון

וואָס הער איך אַ טרויעריקן ניגון,
דורך שטילן פאַרנאַכטיקן פעלד?
דאָס בלאָנדזשעט מיין זיידנס ניגון —
פון אַ ווייטער און פרעמדער וועלט.

זיין ניגון — זיין טרויעריקער ניגון,
דעם ניגון פון גלות און תהום —
איך זע זיין פלייצע זיך וויגן
ווי אין ווינט אַ געשלאָגענער בוים...

זיין קבר פון קוילן צעריסן,
די מצבה צעהאַקט און פאַרשוועכט;
דאָס האָבן די היטלער־פאַשיסטן,
די טויטע פאַרטיליקט דורך נעכט.

גייט מיין זיידע מיטן וואַנדער־שטעקן,
אין וואָגל — דער אייביקער ייד.
דאָס געוויסן פון וועלט אויפצואוועקן,
איך הער אין פעלד זיינע טריט.

פונעם פעלד ער גייט איינגעבויגן,
פונעם קבר ער גייט אין געהיים;
דער ניגון פאַרויס איז געפלויגן,
פאַרן גוף ער זוכט איצט אַ היים.

מיט די שווערע פּאָלעס צעפלויגן,
אין געהויב צווי פאַרמעט הענט;
מיטן טויט אין די טרויעריקע אויגן,
האָט זיך זיין ניגון צעהעלט.

דער טאָג איז איינגעשלאָפן,
ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב אין פעלד...
מיין זיידנס ספר ליגט אָפן,
מיט די הענט זיין פנים פאַרשטעלט...

— — — — — — — — — — — — — —

מיין זיידע איז לאַנג שוין אַנטשוויגן,
זיין ניגון וואַנדערט דורך פעלד;
ער שוועבט דורכן טרויעריקן ניגון,
וועקן דאָס האַרץ פון דער וועלט...

# קדושות

די 93 מיידלעך פון די „בנות
יעקב", וואָס זיינען אומ־
געקומען על קידוש־השם, אַבי
נישט אַריינצופאַלן צו די נאַציס
— די פּאַעמע געווידמעט.

א.

אזוי װעט מען לייענען די קינות פון שטאָט,
די הײַנטיקע קינות פון היטלער־המון.
דאָרט װאו דער הענקער באַטראָטן זײַן טראָט,
פון שטעטל געװאָרן איז סדום...

די הײַזער פאַרברענט, די באַלקנס צעשטערט,
די מיל צעהאַלבט און צעברענט;
שטייט די מיל — אַ שװאַרצער סקעלעט,
מיט פליגל — צעברענטע צװיי הענט...

די שול מיטן אָרון־קודש צעפּראַלט,
די ספר־תורהס געשענדט, —
דאָס האָט דער דײַטש די ספרים צעװאַלט,
װאָס הייליק — זאָל װערן פאַרלענדט!

ב.

דאָס שטעטל געװען מיט ביימער באַקרייזט,
מיט בלומען די גערטנער באַגרינט,
מיט דעמבעס און סאָסנעס, בעריאָזעס געװייסט,
די קרוינען צערױשטע אין װינט...

און דאָרט װאו געװען איז דער פּאַרק
פון אָפּרו פאַר קליין און פאַר גרויס;
שפּאַצירט האָבן פּאַרלעך אַראָפּ פונעם באַרג —
אין געשלאָסענער ליבשאַפט באַרױשט...

די שטערן צעפינקלט אין גאָלדענעם גלאַנץ,
צעפלאַטערט די פּאַרלעך אין פרייד;
יונגען און מיידלעך געגאַנגען אַ טאַנץ,
הענט אויף אַקסלען געפלאָכטענערהייט...

## ג.

װאַסערן פלאַפלדיקע, לאַכנדיקע װאַסערן,
שטראָמענװײַז פליסט איר און פליסט;
װער װעט דאָס הײליקע בלוט אָפּװאַשן,
פון גאַסן און װעגן פאַרװיסט?

װאַסערן לאַשטשענדיקע, סאַמעטענע װאַסערן,
װאָס טראָגן די הימלען פון דניעסטער:
װער װעט די הײליקע לײַבער אָפּװאַשן —
פון געפּײַניקטע ברידער און שװעסטער?

װאַסערן זוניקע, װאַסערן פרײלעכע,
מיט זון־אויפגאַנגען און זון־פאַרגאַנגען;
װיגט, װאַסערן, די אַלע געפּײַניקטע
אין אײערע װאַסער־געזאַנגען...

װאַסערן פידלדיקע, צעריסענע סטרונעס,
געמישטע מיט מענטשלעכע טרערן;
װײנט אויס דעם צער פון יתומים, אלמנות,
זאָל די גאַנצע װעלט אײַך דערהערן!

װאַסערן שעפּעלעך, קרויזלדיקע, צאַפּלדיקע,
װאָס רײַסן דעם זאַמד פון די שטײנער;
װי װעט איר אַלײן זיך אָפּװאַשן
פון מענטשלעכע אברים און בײנער?...

## ד.

ווער קאָן באַווײַנען דאָס גרויל פֿון די שטעט,
פֿאַרטיליקט דורך האַנט פֿון פֿאַשיסט?
יונגע מאַמעס געשלעפּט פֿאַר די צעפּ,
זויגלינגס געריסן פֿון בריסט...

די הענקער האָבן צוזאַמענגעשלעפּט
ייִדן — זקנים מיט בערד,
אין מיטן שטאָט די ייִדן געקעפּט,
מיטן בלוט פֿאַרטרונקען די ערד.

וואו נאָר זייַן טראָט האָט באַטראָטן די ערד,
שיכור פֿון מאָרד און פֿון לוסט;
דערשראָקענע מענטשן באַפֿאַלן מיט שווערד,
געקאָסעט די מענטשהייט ווי גראָז...

די מערדער, וואָס האָבן געלאַכט פֿונעם פּלאָג,
געשליידערט די קינדער אין מיסט;
ניטאָ אַזאַ יאָמער, ניטאָ אַזאַ קלאָג,
וואָס קאָן רירן אַ ברוינעם פֿאַשיסט...

און ווער קאָן דערציילן פֿון דער ביבליאָטעק,
פֿון שלום-עליכם, פּרץ און אַש?
ייִדישע ביכער אין פֿײַער פֿאַרמעקט,
מיטן ווינט געשיקט זייער אַש —

און דאָרט וואו געווען איז אַ קרייז
פֿון יונגוואַרג, וואָס האָבן שטודירט,
וואו ס'איז געהאַנגען דאָס בילד פֿונעם גרייז
קאַרל מאַרקס — סוואַסטיקאַ צירט...

אַט אין דעם שטעטל געווען אַ פֿאַבריק,
געוויקלט האָבן מיידלעך טיטון;
בײַ דער אַרבעט געשפּינט דאָס ליכטיקע גליק
פֿון פֿריידלעכע טעג צו דער זון.

ווייל וואָס קאָן זיין זיסער פון זיס:
דאָס ברויט פון דער אייגענער האַנט —
ביז ס׳איז געקומען דער היטלער־פאַשיסט
און אונטערגעצונדן דאָס לאַנד...

## ח.

די מיידלעך צוזאַמענגעפּאַרט,
געטריבן אין פּראַסטיקן שניי;
די הענקער, געפּיבערט מיט מאָרד,
מיט בייטשן פאַרטויבט דאָס געשריי...

פון שיכורע נאַציס באַזויפן פון ספּירט,
ווי רויב־חיות אין דזשאַנגל פון וואַלד;
אַזוי האָט מען הייליקע טעכטער געפירט,
יידישע מיידלעך צו שאַנד...

— צו לעשן די הינטישע תאווה מיט לייב
צו לעשן דעם היטלערשן פלאַם;
צום שענדן איז כשר דאָס יידישע ווייב:
דאָס שימף־וואָרט פון אַריער־מאַן...

מען האָט זיי געבראַכט לעבן הייליקן אָרט,
אין אַ פינצטערער קלעפּיקער שטאַל,
געשמעקט מיט פערדישן גנאָי, מיט אַבאָרט,
געבראָכן האָט יעדע מיט גאַל.

פאַרקויטיקט דאָס מענטשלעכע לייב,
צעפּאַטלט די האָר, ניט געצוואָגט;
— אויף שמוציקער ערד אויסגעלייגט
האָט איינע די צווייטע באַקלאָגט.

ס׳האָט איוב געקלאָגט אין זיין גרויל,
האָבן טרייסטער געבראַכט אים טרייסט;
זאָל קומען די טרייסט פון אַ קויל,
צו ווערן פון שאַנד אויסגעלייזט!...

## ז.

די עלטסטע קוים צוואַנציק יאָר אַלט,
איר חתן קעמפט ערגעץ אין שניי.
אין פינצטערניש לויכט זיין געשטאַלט,
ער קעמפט מיט דער רויטער אַרמיי.

זי הערט ווי עס טראָגט זיך זיין טאַנק
איבער חרובע סטעפּעס אין פעלד.
פאַרויס ער פאָרט מיט געזאַנג —
באַפרייען פון נאַציס די וועלט...

אירע אויגן מיט בלויקייט באַטויט,
שוואַרצע קרויזן פון שאָף אירע האָר.
שוועסטערלעך מיינע! זיין בעסער טויט,
איידער פאַר נאַציס — אַ הור...

שוועסטערלעך מיינע! ניט ווערן צו שאַנד,
צו שטילן מיט אונדזערע לייבער די הינט!
מיר וועלן גיכער שטאַרבן באַנאַנד,
אונדזערע לייבער פאַרהיטן פון זינד...

שוועסטערלעך מיינע! עס טאָגט דער באַגין!
ווי פרילינג וואָס גרינט אונטער שניי,
פון דורות דער פּיין פליסט אין איר שטים:
אויף קידוש־השם צו פאַרגיין...

— — — — — — — — — — — — — — — —

זי טרייסט זיי און מאָלט זיי די אייביקע זון,
וואָס לויכט אויף יענער זייט וועלט,
אונדזער פאָלק פון פרעהס קרעץ איז אימון,
מיט אונדזער טויט אויפשטורעמען די וועלט.

קאָן מען דען ציילן דעם רעגןביים פאַלן?
קאָן מען דען ציילן די טראָפּנס פון טוי?
קאָן מען דען ציילן די טייכן וואָס קוואַלן?
ווער קאָן ציילן די רגעס פון אייגענעם טויט?

אַזוי ווי פון הימל ברעכט אויס אַ שטורעם —
מיידלעך זיך וואַרפן און רייסן די האָר.
בעסער צו ליגן פאַרלאָשן אין קברים,
איידער פאַר נאַציס — אַ הור...

די ייִנגסטע, די קלענסטע, נעמט וויינען און כליפּען:
מאַמע, מיין מאַמע, ראַטעווע מיך!
שיק מיר, גאָט, אַ זילבערנעם שליטן
און לאָז מיך אַנטלויפן אויף גיך.

מאַמע, איך האָב מורא, איך זע ווייסע טליתים,
אַ מאַסן־לויה טראָגט זיך פון פעלד.
איך זע — עס שפּאַנען מתים מיט מתים,
זיי קומען אַהער פון יענער זייט וועלט...

די עלטסטע — האָט זי שטיל איינגענומען,
געוויגט זי ביי זיך אויפן שויס;
אַט באַלד, אַט באַלד, די מאַמע וועט קומען,
דיך נעמען צוריק אין איר הויז.

אין דרויסן פאַלן ווייסע שניי־בלומען,
זי האָט יעדער אַ סוד אַנגעטרויט.
אַ קאַלטע לבנה איז אַנגעשוואומען,
זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן טויט...

ז.

די הייצערס האָבן געהייצט די באָד,
די קוימענס מיט פונקען געשפּריצט;
די קדושות צוריקגעפירט אין שטאָט,
די שטערנס אין אַנגסטן פאַרשוויצט.

מען האָט זיי אין באָד געטריבן, ווי שאָף,
יעדער דערלאַנגט אַ ווייס העמד.
זאָלן זיי גרייטן די לייבער צום שלאָף.
פון פראָנט קומט אַ פריש רעגימענט...

ח.

ווי גרייט זיך אַ כלה צו איר חתונה־נאַכט?
ווי גרייט זי איר כלה־בעט?
איר לייב שמעקט בשמים, צום חתן זי גאַרט,
זי נידערט ווי אין אַ הייליק געבעט.

זי האָט מורא און פיבערט מיט געזאַנג אין די בריסט,
אַ כוואַליע — זי טראָגט זיך אין לויף;
די ליבשאַפט פון לייבער אין תענוג זי פליסט
און קניפּט זיי אויף אייביק צונויף...

און שפּעטער די רו אויף פליגל פון שלאָף
געשלאָסן זיי שלאָפן שטיל איין,
האַרץ צו האַרץ, גוף צו גוף,
אין ליבשאַפט געהייליקט צו זיין...

## ט.

עס האָבן זיך מיידלעך געוואַשן אין באָד,
אָראָפּגעוואַשן דעם בלאָטיקן קויט;
יעדע האָט הייליק געטראָגן דעם סוד
צו שטאַרבן פון זעלביקן טויט...

נאָר לענגער זאָל נעמען דאָס וואַשן —
אפשר וועט קומען אַ נס! —
דורך נעפּל פון טויטן־מיראַזשן
זעט זיך יעדע אַ מת...

זאָלן זיי קומען ריין און געהייליקט,
זאָלן זיי קומען פאַר גאָט,
זייערע יידישע לייבער ניט ווערן פאַרשווייניקט
פון דייטשע קערלעך צום שפּאָט...

אַזוי האָבן הייליקע בתולות
די לייבער געוואַשן אין פּיין,
געבעטן אין אייגענע תפילות,
אפשר וועט גאָט זיך מרחם זיין.

## י.

איך קום צו דיר לויטער, ווי די זון אינדערפרי,
פון דער נידער איך הויב אויף מיינע אויגן צו דיר.
איך זע דיין פנים, גאָט, מודה אני.

איך האָב ניט קיין פליגל ווי דער פויגל אין פלי,
איך טראָג דיין געשאַנק: מיין מיידלשע ציר.
היט מיך פון שאַנד, מודה אני.

גאָט, איך האָב מורא, מיר ציטערן די קני,
שטאַרק מיך אין פאַל, שטיי לעבן מיר.
איך דאַנק דיר, גאָט, מודה אני.

צו דיר בעט מיין טרער אין איר הייליקן גלי,
קום מיר אַנטקעגן, עפן דיין טיר,
לאָז מיך אַריין, מודה אני.

דאָס לעצטע מאָל זאָג איך מודה אני.
ווי פייער אין מיין לייב — דיין וואָרט איך שפיר,
צו זיין פאַרן טויט אויפגעלייזט אין דיר: מודה אני.

און איינע זינגט דאָס ליד פון געזאַנגען,
זי שטייט אין איר טויט־ווייסן העמד;
די זון איז היינט אין בלוט פאַרגאַנגען,
דאָס בלוט רינט פון מיינע ווייסע הענט...

ווי זאָל איך אויסבעטן דאָס בעט פון אונדזער ליבע?
דאָס גאַנצע הויז איז שוין פאַרברענט.
וואו זאָל איך געבוירן דעם נייעם שמשון הגבור?
די גאַנצע ערד איז שוין פאַרלענדט...

וואו זאָל איך לויפן, געליבטער, זיך באַהאַלטן?
אַלע פעלדער מיט שטעכלדיקן דראָט...
די ערד מיט וואונדן און מיט שפּאַלטן,
ווי בבל פאַרשאָטן און חרוב אונדזער שטאָט.

וואָס זאָל איך טאָן מיט מיינע רייפע גלידער?
מיין געליבטער, טראָג מיך אין מיין חופּה־העמד!
איבער מיין לייב לויערט דער שניטער —
לאָז ניט זיין מיין לייב פאַרשעמט!...

איך הער: עס רוישן עראָפּלאַנען,
מיין געליבטער פליט אין בלויען רוים,
די אַלטע וועלט ברענט אין פלאַמען —
ער הויבט מיך אויף פון דעם תהום...

איך זע, איך זע דעם ליכטיקן באַגינען,
וואָס איך חלום אין אָט דער גסיסה־נאַכט.
מאָרגן וועסטו מער מיך ניט געפינען —
דאָס זינג איך דיר צום לעצטן מאָל: גוטע נאַכט...

## יב.

איינע שטייט אין העמד אָנטבלויזט,
זי שטייפט די שוואַרצע פּיל אין פויסט...

די שוואַרצע פּיל — וואָס גרייט דעם טויט.
זי זעט אַ פאַרהאַנג — בלוטיק־רויט...

ניין, ניט שטאַרבן אויף דער וואָר —
זי איז בלויז אַכצן יונגע יאָר...

אירע הירשן־אויגן פול מיט שרעק,
זי וויל אַנטלויפן — ניטאָ קיין וועג...

דער טויט פיבערט אין איר בליק,
עס שלאָגן ווענט מיט היץ צוריק...

ווי אַ שרויף, זי דרייט זיך איין,
די פּיל אין פויסט זי קלאַמערט איין.

זי בעט זיך הייזעריק און שטיל:
אַ רגע לעבן — ביי דער שטומער פּיל...

## יג.

די עלטסטע, ווי אַ סאָסנע אַ שלאַנקע,
זי איז דאָך אַ כלה אויף דער וואָר.
איר חתן פאַרט מיט די טאַנקען,
צעלאָזט זי פאַר אים אירע האָר...

זי שטייט געהייליקט און לויטער,
פאַר אים איז באַשאַפן איר לייב —
ער קומט מיט דער אַרמיי דער רויטער
זי נעמען אַהיים פאַר אַ ווייב.

דער חתן קומט, עס שלאָגט די שעה.
העי, קראַנצן־מיידלעך, פראַלט אויף די טירן!
איר באַפרייער — אָט איז ער דאָ!
ער קומט זי צו דער חופה פירן!

און אויב זי וועט דאָ מער ניט זיין —
איר חתן וועט נקמה נעמען!
פאַר איר יונג־פאַרשניטענעם געביין,
די הענקער צום משפט שטעלן...

יד.

אין אויוון עס פייפן די פלאַמען,
די מיידלעך אין אַנגסטן פאַרשוויצט,
ווי שעפעלעך געטוליעט צוזאַמען,
פאַר וועלפישן רויב אומבאַשיצט...

זיי שטייען אין די ווייסע העמדער,
זיי זיינען איצט אַלע שוין גרייט;
זיי הערן די קולות פון שענדער,
זיי גייען אַנטקעגן דעם טויט...

עס האָבן זיך אויגן מיט אויגן געזעגנט,
צו שטאַרבן אין הייליקן סוד.
אַזוי האָבן קדושות די רוצחים באַגעגנט
אין הייסער פאַרטשאַדעטער באָד...

## טז.

די נאַציס מיט שראַמען און וואונדן
אויף נעזער און באַקן און קינען.
זיי האָבן די מענטשלעכע סעודה צעבונדן,
די מיידלעך באַפאַלן ווי בינען,
און שיכור געהאַילט און געהאַילט,
זיי די גלידער געביסן,
פון זייערע הייליקע לייבער די העמדער געריסן!

היט זיך, איר הענקער,
די הייליקע טעכטער באַרירן!
טעכטער פון יידישן שטאַם,
אין גסיסה די גופים זיי פרירן —
די ליפּן בלוי פון יסורים,
זיי האָבן געשלונגען דעם סם...

די דייטשע הענקער שטייען באַשפיגן,
מען האָט זיי גראָב אָפּגענאַרט.
אין ווייסע העמדער די קדושות ליגן,
די גופים אין אַנגסטן פאַרשטאַרט...

נאָר די ייִנגסטע, זי זיצט מיט אָפענע אויגן,
זי קוקט — און קאָן ניט פאַרשטיין —
דער שליטן איז ערגעץ ווייט ווייט פאַרפלויגן,
איר מאַמע קומט נישט צו גיין...

זי קוקט און זי וואונדערט — פרעגט ביי די דייטשן:
פאַרוואָס זיינען זיי אַלע אַזוי שטיל?
איר קינדערשער גוף זיך צאַפּלט פון בייטשן,
איר קול ווערט אויף אייביק פאַרקילט...

## טז.

דער שניי האָט געוואָיעט, דער שניי האָט געבלאָזן,
אין ווייסן ווירוואַר האָט שניי זיך געדרייט.
פויערים האָבן די שטריק אַפּגעלאָזן,
די מתים אין שוועסטער־קבר געלייגט...

די ערד מיט ווייסע פעלצן באַלאָדן,
נאַקעטע שליטנס ביים אָפענעם גרוב;
אַ ראָב האָט אַ קוויטש אין פראָסט אויסגעלאָזן,
גענידערט מיט שוואַרצע פליגל אַראָפּ...

די לאָפּעטעס האָבן געקרעכצט און געפּלאָפּלט,
דער קבר געוואָקסן אַלץ העכער אַרויף.
פאַרפרוירענע טרערן — הייס פון שוואַרצאַפּל —
זיינען הענגען געבליבן אין קוואַליקן לויף...

די גוטע פויערים האָבן די אַרבל געבלאָזן,
געבאַכעט דעם שניי־שטויב, פאַררעדט דאָס געוויין;
„אַרעמע קינדער, אין פראָסט זיי געלאָזן,
מיר זאָלן באַגראָבן זייער עלנט געביין...“

עס האָט קיינער באַגלייט די מאָסן־לויה,
עס האָבן די מאַמעס ניט געזען זייער בראָך —
פון שנייאיקער וויט געברילט האָט אַ חיה,
אַזוי איז פאַרגאַנגען די בלוטיקע וואָך...

דער פראָסט האָט פאָסן געריסן פון דרויסן,
דעם קבר באַדעקט מיט פלאַכטעס פון שניי.
דער ווינט האָט באַקלאָגט די הייליקע קדושות
און קדיש געזאָגט אין ווילדן געדריי...

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף קידוש־השם זיינען מיידלעך געשטאָרבן.
פון זייערע הייליקע לייבער קלאָרט דער באַגין. —
אַ היטלער, וועסט צאָלן פאַר יעטוועדן קרבן —
עס גרייטן די פעלקער דיין יום־הדין!

# מיין יחוס־בריוו

געווידמעט די קדושים
פון וואַרשעווער געטאָ.

מיין יחוס־בריוו קייטלט זיך דורך דורות.
איך וועל אָנהויבן, מיין קינד, פונעם שורש.
ווער איז געווען מיין עלטער־עלטער־זיידע?
אברהם, וואָס האָט געפירט יצחקן צו דער עקדה.
מיינע עלטער־מאַמעס שרה, רבקה, רחל לאה.
רחל האָט געהאָט ביי יעקב אָבינו די דעה...
זי האָט ביים קוואַל געפיטערט שאָף און רינדער,
און געקלאָגט אויף אירע ניט־געבוירענע קינדער.
און יעקב האָט געדינט פאַר רחלען צוויי מאָל זיבן,
לאה, ווי אַ יוויב, האָט געליטן און געשוויגן...
און עמוס איז געווען מיין שכרענגער פעטער,
מיט אַ שטעקן געיאָגט די טריט פון די פאַררעטער.
און רות האָט זיך אין אַ לבנה־נאַכט פאַרלוירן,
אין געזאַנג געוואָרן איבערגעבוירן...

מיין קינד, די ליכטיקסטע געשטאַלט פון אַלע
איז געווען די שטאָלצע מאַמע חנה.
זי האָט די זין געהייליקט אין איר גלויבן,
פונעם טויט זיך העכער אויפגעהויבן.
און איוב האָט אין גרויל פון זיינע וואונדן
אין רייד צו גאָט דעם הימל אָנגעצונדן.
און משה אויפן באַרג אין זיין גלות־שליחות,
האָט אויסגעברענט דורך בליץ און דונער זיינע לוחות.
און שמשון אין זיין גבורה, דניאל מיט די לייבן —
אין דיין בלוט עס פליסט דער כח פון זייביידן...
און דבורה די נביאה, אין קאַמף פאַר אירע ברידער,
מרים מיט די פייקלעך אין די יובל־לידער.
דער בעל־שם טוב אין התפעלות דורך טרערן,
האָט געזונגען חסידיש צו די שטערן...

מײַן יחוס־בריװ װי אַ קײט אין רינגען,
אײביק װעט מײַן פֿאָלק זײערע מעשים זינגען...
שפּינאָזאַ אין אַ נײעם ליכט האָט װעלט באַנומען,
צום אור־פֿלאַם דורך זײַן לערע צוגעקומען;
קאַרל מאַרקס האָט אין ציפֿערן פֿאַרבאָרגן,
אױסגעשמידט דעם חלום פֿונעם נײעם מאָרגן;
הײנריך הײנע האָט אין דינסטן ציטער
אונדזער פֿאָלק באַזונגען אין די לידער;
שלום־עליכם, װי פֿון אַ קװאַלנדיקן ברונעם,
דאָס ייִדיש לשון באַחנ׳ט װי זיבן זונען...
קאָנסטו צײלן, קינד מײַנס, אָט די שטערן?
מײַן יחוס־בריװ גרײכט ביז אַלע ספֿערן.
און װען, מײַן קינד, װעסט גרעסער װערן,
זאָלן דײַנע מעשים אױך צו זײ געהערן!...

צו מײַן יחוס־בריװ אַ נײַ בלאַט איז צוגעקומען.
עס האָט די צײַט נאָך ניט אױסגעשמידט דעם נאָמען...
עס איז אױפֿגעשטאַנען דער צװײטער המן,
פֿאַר מײַן דורותדיקן יחוס ער דורשט נקמה...
מײַן קינד, געדענק אין װאַרשע אָט די ייִדן,
װאָס זײַנען אין די געטאָ־װענט פֿאַרבליבן...
זײ האָבן ניט באַהאַלטן זיך װי די מאַראַנען —
אין קאַמף געפֿאַלן אין די געטאָ־פֿלאַמען...
אױף קידוש־השם געשטאָרבן צוזאַמען —
פֿונעם אור־שטאַם אָט די העלדן שטאַמען...

* * *

מײַן שטאַם איז גרױס און אײביק אין אַלע צײַטן,
מײַן יחוס־בריװ קײטלט זיך דורך אײביקײטן.
איך װיל מײַן יחוס־בריװ דיר איבערגעבן,
האַלט הײליק די בלעטער דורך דײַן גאַנצן לעבן...

# דורך צער און דורך טרערן

אַן עדות וועט זיין די נאַכט און די שטערן,
אונדזער פאָלקס־געוויין די וועלט זאָל דערהערן!

ווי אַ טייך וואָס פליִיצט די ברעגן אַריבער,
אויף די גאַסן זיך שליסן ברידער מיט ברידער...

מענער און פרויען, קינדער און זיידעס,
זאָל זיין די נאַכט פאַר דורות אַן עדות...

מיליאָנען יידן האָט דער הענקער פאַרשניטן,
קינדער אין וויגן, פאַרסמט זייערע ליפּן...

אויפן גרויסן חורבן מיר טוען היינט קלאָגן,
נאָך פיר מיליאָן יידן קדיש צו זאָגן...

זאָגט מען היינט קדיש נאָכן לעצטן יידן,
וואָס איז ווי אַ זכר אין געטאָ פאַרבליבן?

אונדזערע קדושים, וואָס זיינען געשטאָרבן צוזאַמען —
זאָגט מען היינט קדיש נאָך מיין טאַטע־מאַמען?

ווי צו מיר, וויי! מיינע שוועסטער און ברידער,
מיר שיקן דעם יאָמער די קדושים אַריבער.

וועלט, עפן אויף דיינע טויבע אויערן,
עס קלאָגט אַ פאָלק ביי דיינע נאַכטיקע טויערן!

זאָל די נאַכט היינט ווערן אין יאָמער צעריסן,
מיר זיינען געקומען וועקן וועלטס געוויסן...

שטעלט אָפּ זיך, באַנען! פאַרלעשט זיך, ליכטער!
עס שרייען צו אונדז די טויטע געזיכטער...

זאָל דער שופר פון משפט די גאַסן צעשאָלן!
וועלט, שטעל אָפּ די היטלער־קאַניבאַלן!

מיר רופן היינט דורך צער און דורך טרערן —
אונדזער פאָלקס־געוויין די וועלט זאָל דערהערן!

# מיין באָבעס סידור

מיין באָבעס סידור איז דורכגעזאַפּט פון טרערן —
די צייט קאָן ניט די שריפט פאַרצערן...

צום געזאַנג פון שבת, צום געקלאָג פון קינות,
וואו מיין באָבע האָט געשעפּט די תּפילות...

דער חלב קלעפּט נאָך אין סידור פאַרגעלטן,
די בלעטער שמעקן מיט בלעטער פאַרוועלקטע.

איך זע מיין באָבען איבערן סידור געבויגן,
צעשאָטענע פּערל — די טרערן פון אויגן.

די עכטע צניעותדיקע טרערן זיינען געפאַלן,
ווי דער מאָרגן־טוי דורך זוניקע שטראַלן.

זי האָט געבעטן פאַר כּלל־ישראל, פאַר יעדן שכן,
פאַר אירע קינדער אויף אַלע זייערע דרכים...

איך לייען איצט דעם סידור, ווי איך וואָלט צו איר ריידן,
יעדער אות, יעדעס פּינטל געהייליקט פון ליידן...

און עס פאַלט אויך אַהין איר אייניקלס טרערן,
זאָלן זיי אין סידור פאַרגליווערט ווערן.

זיך פאַרשמעלצן מיט מיין באָבעס תּפילות,
דאָס געוויין פון מיין דור — דורך היינטיקע קינות.

איך וואָלט מיינע לידער אַהין אויך פאַרשריבן,
אין סידור, פון מיין באָבען פאַרבליבן...

אויך מיינע קינדער, זאָלן דאָס געוויין באַנעמען,
נאָך מיין טויט — מיין בלוט ניט פאַרשעמען...

# ווי צו מיינע הענט!

אַזויפיל לידער שרייב איך אַלע טאָג,
אַזויפיל ווערטער אויף פּאַפּיר פאַרקלעמט;
נאָר ווי צו מיר, מיין איכהדיק געקלאָג,
צו דיר אַ בריוו שרייבן ניט די הענט.

איך בעט, איך האָף כאָטש אויף אַ נס;
אַ צייכן שטומען — מאַמע, וואו דו ביסט —
איך זאָל כאָטש האָבן ערגעץ אַן אַדרעס,
מיין שטאָם איז נאָך ניט אָפּגעווישט...

איך זאָל כאָטש וויסן, אין וועלכע געטאָ־ווענט
דו שקלאָפּסט, מיין מאַמע, מיטן הויז־געזינד;
מיט די געלע לאַטעס אויף די הענט —
ווי — צו וואָס עס בעט דיין אייגן קינד...

ווי צו מיר, און ווי צו מיינע יאָר,
איך שיק מיין קול צום ווייטן ים, —
ווער ווייסט צי האָב איך נאָך אַ דור —
צי בין איך ניט אַן אָבלדיקער שטאָם...

זאָל איך רייסן קריעה פון דער וועלט,
וואָס האָט פאַרברענט אויף אַש מיין היים?
ווי צו מיר, און ווי צו מיינע הענט,
וואו וואָגלט איצט מיין פליש און מיין געביין?...

אַלע לידער וויינען היינט פאַרשעמט,
צו וואָס דאַרף איך לידער אויף פּאַפּיר?
אַז ווי צו מיר, ווי צו מיינע הענט —
איך קאָן אַ בריוו ניט שרייבן מער צו דיר...

# מאַמע

מיטן רוף פון מיין בלוט רוף איך — מאַמע!
בערג, מיינע בערג, צעטראָגט איצט מיין קול.
עס ענטפערן די בערג ביים הימל־ראַנד — מאַמע,
עס עכאָט אָפּ מיין אייגן ווידער־קול!

בערג, מיינע בערג, זוכט מיט מיר מיין מאַמען!
פויגל בלויע, פליט איצט צו מיין היים,
פליט דורך אַלע צאַמען, פליט דורך אַלע ימען,
געפינט אַ שפּור פון איר געביין.

אויף מיין פּנים ברענען אירע טרערן,
די זון מיט שפּיזן־שטראַלן שפּיזט;
מאַמע, אויב דו לעבסט, מוזטו מיך דערהערן,
גיב אַ צייכן, מאַמע, וואו דו ביסט.

ווי קאָן איך טראַכטן פון אַ מאַסן־קבר,
מיין מאַמעס פּנים מיט ערד און שטויב...
וויי צו מיר, צו מיין יעדן אבר,
פאַרוואָס ווערן מיינע אויערן איצט ניט טויב?

כ׳וויל פילן אויף מיין לייב דיינע וואונדן,
פון מערדערס כוס אָפּוועגדן דעם סם,
אין דיין אַנגסט זיין מיט דיר פאַרבונדן,
ווי אַ צווייג זיך צוטוליען צום שטאַם.

דו האָסט געבוירן מיך, אין ווייען אויסגעטראָגן,
פאַרוואָס האָב איך געלאָזן דיך אַליין?
בערג, מיינע בערג, העלפט מיר קלאָגן!
קלאָגט מיט מיר אויפן חורבן היים!

בערג, מיינע בערג, זוכט מיט מיר מיין מאַמען!
הערט מיך, הימלען, און צעטראָגט מיין קול;
זון, באַלויכט דאָס אָרט פון מיין מאַמען,
דערהער מיך, מאַמע, דורך בערג און טאָל!

# אין די פאַרכטיקע טעג

גאָט פון מיין פאָלק, פאַרנעם מיין געוויין!
דאָס בעט איך צו דיר מיט פאַרשטשעמעטע ציין;
דאָס רעד איך צו דיר, אין די פאַרכטיקע טעג,
אונדזער לייב איז געפּאַלמעסט פון בלוטיקע העק...
דאָ ליגט אויפן בית־עולם: געביין פון געביין,
איך זע ווי אַ מאַמע באַווײנט איצט אַ שטיין;
אַ שטיין וואָס דעקט צו איר אייגן געביין,
איר איינציקן זון — וואָס זי לאָזט דאָ אַליין...
וואוהין זאָל איך רופן פאַרבלוטיקטע וועלט?
אויף וועלכע חורבות, אויף וועלכן פעלד,
וואו זאָל איך זוכן מיין פלייש און געביין?
פון נאָענטע — וואָס דאַרפן אויף הפקר פאַרגיין...
דאָ ליגט זשיטלאָווסקי, אַלגין, עמוסל קליין —
וואו ליגט מיין מאַמעס פאַרוואָגלט געביין?
ניט האָבן אַפילו צו באַוויינען אַ שטיין...
מיין פאָלק, מיין געפּייניקטס, ווײ איז אונדז, ווײ,
פון שוועסטער און ברידער קיין זכר פון זיי —
מיליאָניקע שאַרבנס אין פאַרפּייניקטער ערד,
פאַרטיליקט פון היטלערס בלוטיקער שווערד...

די זון שיינט אַראָפּ אויפן בית־עולם אין פעלד,
מיט פאַרבראָכענע הענט איך רוף צו דער וועלט.
וואוהין זאָל איך ווענדן מיין ביטער געקלאָג?
מיין פאָלק איז צעפּערטלט אין פּיין און אין פּלאָג...
אויף אַ תּליה פאַרביטן פון רעכטשאַפט די וואָג,
מיט טרערן און בלוט פול איז דיין קרוג...
דער בעכער פון טרערן צעבראָכן אויף שטויב,
הפקר די וועלט אויף מאָרד און אויף רויב!

עס טראָגט זיך פון מאַמעס דאָס גוססדיק קול,
מיט קינדערשע קעפּלעך דער הענקער שפּילט באַל;
מיט טויטע פאַרזייט יעדער שליאַך, יעדער וועג,
עס שלאָגט איצט די שעה פון די פאַרכטיקע טעג;
עס גייען די זין פון דער רויטער אַרמיי
נעמען נקמה פאַרן ייִדישן וויי —
די זין פון די שטאָטן, געברידערט אין גאַנג,
מיט שטאָלענע פליגל, מיט שטאָלענעם טאַנק —
נקמה פאַר וואַרשע, קאַרקאָוו, לובלין;
גיב שטאַרקייט, די גבורים, אונדזערע זין!
אויף היטלערס מפּלה זיך געבן די הענט,
אויף אייביק זיין נאָמען זאָל ווערן פאַרלענדט!
מיין שטאָם וועט אויפשטעלן דאָס חרובע הויז,
ווידער זאָל בליען דיין פאָלק אין זיין גרויס...

# הערשל גרינשפּאַן

הערשל, דו יינגל, דו ווייטער,
אין תּפיסה פאַרגראָטעט, פאַרשפּאַרט;
עס ברענט אַ פלאַמיקער שייטער,
נאָך דיין לעבן דער מערדער גאַרט.

געפאַנגענער שמשון הגיבור,
אין דיין פּנים דער יידישער גורל;
הערשל — דו יינגל מאַרטירער,
אין נאַצישן האַרץ דיין קויל.

דיינע אויגן — צוויי יאָמער־טאָלן,
עס וויינט מיין פאָלק הינטער זיי;
איך וואָלט דיך, הערשל, געמאָלן —
מיין פאָלקס פאַרצאָגטער געשריי.

הינטער דיינע פאַרשלאָסענע ברעמען
שוואַרצער טרויער ווי וויין,
דיינע קינדערשע ליפּן פאַרשטשעמען
אין איינגעהאַלטן געוויין.

דיין קינדיש מאַרטירער פּנים
דערציילט פון פּיין און גורל;
געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען
פאַר טרעפן אין מערדער דיין קויל...

# די באַלאַדע וועגן
# טאַניאַ דער פּאַרטיזאַנקע

אין אָנדענק פון זאָיאַ קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ,
וואָס האָט אָפּגעגעבן איר יונג העלדיש
לעבן פאַר איר לאַנד. . . . אין קעשענע פון
אַ טויטן נאַצי האָט מען געפונען איר בילד
ווי זי ווערט הינגעריכטעט אויף דער תליה.

## א.

זי איז געבוירן אויף די פרייע פעלדער,
דער ווייץ האָט געבליט אין אירע האָר;
ווי אַ פרייער פויגל אין די וועלדער —
אַ קינד פון אַ נייעם דור.

געוואַקסן אינעם לאַנד פון די סאָוועטן,
ווי אַ יונגע סאָסנע האָט זי געבליט;
יעדן בוים, יעדן שטיין פון איר שטעטל
האָט זי הייס ווי איר לאַנד געליבט.

פון מאַרקס און לענין, ווי פון אַ טיפן ברונען
האָט זי געטרונקען וויסן — עמערס פול.
צווישן שטאָט און דאָרף, אַ בריק פאַרשפּונען,
געווינטערט אין שטאָט, געזומערט אין טאָל.

זי האָט גערוישט מיטן גאָלד פון די זאַנגען,
זי האָט געבליט מיט דער פרייד פון איר לאַנד;
פאַרשוועסטערט אין פעלקער־געזאַנגען —
אין פרייען, בונטן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

זיך געלערנט ביי דער גבורה פון דאַמבעס,
איר ווילן צוימען ווי די וואַסערן אין צאַם;
אינעם „דניעפּער־דאַם", ווי אויף אַ וואַסער־קאַנווע,
איר לעבן איינגעפאַסט ווי אין אַ ראַם...

מיט די העלדן פליער אין די בלויסטע ספערן,
מיטגעפלויגן אין איר שטילסטן טרוים,
אין איר חלום געוואַנדערט צו די שטערן —
אין דמיון דורכגעקרייזט דעם הימל־רוים.

זי איז געוואַקסן מיטן וואוקס פון די פאַבריקן,
אין פאַרמעסט האָט איר שטאָט זיך צעבליט;
ווי האַרפן צעשפּילטע די בריקן —
דאָרף מיט שטאָט ווי גלידער געקניפּט.

אין דער גרויסער שטאָט האָט זי געלערנט וויסן,
נאָר ליב געהאָט האָט זי די גרינע ערד;
פלעגט פרילינג שיקן די בלויסטע גריסן,
האָט זי דעם פרילינג אין איר בלוט דערהערט...

דער טייך פלעגט ברעכן זיך אין קריעס,
הפקר אָפּגאָרטלען פון זיך דאָס אייז,
ווי פון אירע לאַנגע אויגן וויעס —
פרילינג־טרערן — פערל־ווייז...

זומער צעפלאַטערט אויף פעלדער,
זאַמלען פון שניט דאָס געזאַנג;
מיט פויערטעס אויף שטערן פעלדער
מיט ליבשאַפט אין סערפּן־געקלאַנג...

און טאַניאַ מיט מיידלעך פלעגט זינגען;
די נאַכט פלעגט אויסשפּרייטן אַ דעק —
עס פלעגן שטערן ווי רענדלעך קלינגען
אין געזאַנגען פון ברעגן צו ברעג.

די האַרמאַשקעס אין בענקשאַפט פאַרגאַנגען,
פון זייערע הערצער געצאַפּלט מיט פרייד;
עס האָט אַ פאַסטוך געענטפערט געזאַנגען —
פון אַ פייפל ערגעץ ווייט — ערגעץ ווייט...

און לאַשיקלעך מיט העלדזער זיך ליבן,
זיך קושן מיט לאַשטשענדיקע קעפּ;
די הייסע נאַכט מיט קולות פלעגט זידן,
מיט בענקשאַפט אָנפילן דעם סטעפּ...

די לבנה פלעגט איבער זיי וואַכן —
ווי אַ מאַמע מיט אַ שטראַליק געזיכט —
אָפטמאָל דורך כמאַרעס האַלב לאַכן,
גיסן אויף קינדער סנאָפּעס ליכט.

ביז דער האָן פּלעגט קרייען — קאַיאָרן,
אַנזאָגן עס טאָגט דער אינדערפרי;
פּלעגן מיידלעך מיט גראַבליעס זיך פֿאָרן,
איינזאַמלען די ברכה פֿון זייער מי.

געבוירן איז טאַניאַ צווישן פרייע —
מיט דער פרייד פֿון איר היים באַזעלט;
באַפֿאַלן איר לאַנד אַ בייזע חיה,
צוגערויבט די פרייד פֿון איר וועלט.

ב.

ביז איינמאָל ווי אַ שיכורדיקע זונה,
מיט געפילדער און מיט הייסן שרויט,
איר לאַנד באַפֿאַלן דער דייטשער שונא,
אויף שטעט און פעלדער געזייט טויט.

די פעלדער פֿון איר קינדהייט אַנגעצונדן,
די ביימער צעשאָסן, פאַרוויסט;
אירע שוועסטער די פּיס געבונדן —
זיי אָפּגעשניטן די לעבעדיקע בריסט.

אַזוי האָבן גערודפט דייטשע ריזן,
געפּײַנט און געפּלאָגט און געשענדט;
דייטשע העלדן! מיט עופֿהלעך אויף שפּיזן,
קאַניבאַליש זיי לעבעדיק פאַרברענט.

דער שונא פאַרצוקט האָט שוין פוילן,
פֿון זיין געמבע געטריפט האָט מיט בלוט;
ווי אַ וואָלף מיט ציינערדיקע גרוילן —
געשפּרייזט מיט הפקרדיקן וואוט.

האָט טאַניאַ דערהערט דעם רוף פֿון לאַנען,
דאָס בלוט וואָס שרייט אויף ווייסן שניי;
זיך אַנגעשלאָסן אָן די פּאַרטיזאַנען,
צו קעמפן פֿאַר איר לאַנד אין זייער ריי.

עס האָט די מאַמע זיך ביי איר געבעטן:
טאָכטער איינציקע, לאָז מיך ניט אַליין!
דער הייסער רוף פונעם לאַנד פון די סאָוועטן
— שטאַרקער ווי דאָס מאַמעשע געוויין...

טאַניאַ האָט מאַרשירט מיט די רעקרוטן,
די לעצטע באַן איז אָפּגעגאַנגען שוין צום פראָנט;
דער הימל האָט געזייט מיט פאַראַשוטן —
נקמה האָט איר האַרץ געמאָנט...

די מאַמע האָט באַגלייט זי ביזן גאָרטן.
ווי אַנדערש, מאַמע, האָסטו מיך געלערנט זיין? —
עס וואַרטן פאַר מיר טויזנט טאַניאַס דאָרטן,
זיי געזונט, מאַמע, מאַמע מיין!

די מאַמע האָט געקושט זי אויפן שטערן,
איר ברכה מיטגעגעבן אינעם וויטן וועג;
געשמייכלט טרויעריק — דורך שפּיגל־טרערן,
ווי די זון, וואָס זעגנט זיךביים ברעג...

געגאַנגען די מאַמע צוריק אין שטיבל,
אויף גאַסן מענטשן מיט פאַרקריצטע ציין;
האָט יעדער געגראָבן מיט לאָפּעטע און רידל
טראַנשייען צו באַשיצן זייער היים...

קליין און גרויס מיט רידלען אָנגעלאָדן,
מיט העק און לאָפּעטעס באַנאַנד;
האָט יעדער בירגער אין דער ריי געגראָבן
טראַנשייען צו באַשיצן זייער לאַנד...

אויפן הימל האָבן שוואַרצע ראָבן
געקראַקעט וויסט — אין טויט דערמאָנט;
אונטן האָט דאָס פאָלק געגראָבן
היטלערס קבר אין סאָוועטן־לאַנד...

ג.

ווען די מאַמע קאָן בייַנאַכט ניט שלאָפן,
ווען עס וועקט זי דאָס ברומען פון קאַנאָן;
הערט זי אין דער נאַכט איר טאַניאַן רופן:
מאַמע! מיר קומען אָן, מיר קומען אָן!

מיר קומען אויף די רוקנס פון די ווינטן,
מיר קומען אויף די קריעס פונעם אייז;
מיר קומען אייער שרעק צו לינדן —
דורך אונטערערד מיר קומען מחנותווייז...

מיר קומען דורכן רויש פון צווייגן,
מיר קומען דורכן שיכט פון ערד;
מיר וועלן ווידער צו די הויכן שטייגן,
מיר שאַרפן פאַרן שונא אונדזער שווערד...

מיר קומען דורך געשפּענסט פון שרפות,
מיר קומען ווי אַ האָגל אינמיטן פעלד;
מיר לעשן די היטלערשע מגפות,
מיר שיקן זיי צוריק אויף יענער וועלט...

מיר זיינען אָדלערס מיט כישופדיקע פליגל,
ווי הירשן פלינק איז אונדזער שפּרונג;
אונדזער נעסט — דער העכסטער היגל,
אונדזער פלאַם — דער רויטסטער פונק.

מיר קומען לעשן די שרפהדיקע פלאַמען,
נקמה נעמען פאַרן גרויל פון אונדזער לאַנד;
מיר זיינען יונגע, בראַווע פאַרטיזאַנען —
מיר צאָלן מיט אַ שטראָפנדיקער האַנט!...

און טאַניאַס קול וועקט איר מאַמען,
מיט טויזנט שטימען רעדט זי אין דער נאַכט —
מיר זיינען יונגע, בראַווע פאַרטיזאַנען,
עס איז אונדזער לעצטע, לעצטע שלאַכט.

## ד.

עס האָט דער שניי געוואָיעט, עס האָט דער שניי געווייכערט,
ווי הונגעריקע וועלף אין וויסטן וואַלד,
עס האָט דער שניי געלופטערט — ווייסע ליילעכער געטיכערט
און אָפּגעדעקט, אַ קריכנדיק געשטאַלט...

טאַניאַ אויף אַלע פיר ווי אַ טשערעפּאַכע
איז געקראָכן אינעם שנייאיק־ווייסן גוף;
מיט אויערן אָנגעשפּיצטע, אָנגעצילטע וואַכע —
אויפנעמען דעם שונאס ווייטסטן רוף...

פּלוצלונג האָט זיך אין שניי אַ תהום געעפנט,
זי האָט דערפילט אַ דינעם דראָט אַרום איר האַלדז;
ווי אַ פיש מען האָט אין פאַנג פאַרטשעפּעט,
האָט טאַניאַ געשוועבט אין בלינדן טראַנז...

פּיאַווקעס־פינגער האָבן זי אַרויפגעצויגן,
איידער זי האָט אַ וואָרף געטאָן די פלאַש —
האָבן דייטשע „סנאַיפּערס" זיך איבער איר געבויגן,
פון איר לייב געריסן דעם לעדערנעם טאַש...

## ח.

מען האָט זי געפּירט מיט פאַרבונדענע אויגן
דורך דראָטיקע שנייען אויפן לעצטן שפּאַציר;
צום טריבונאַל — פון מערדערשע אויגן;
מען האָט זי געבראַכט אויף דייטשער קוואַרטיר...

געטונקען אין הייסן שמאַלץ אירע פינגער,
געהונגערט, געדורשט זי אָן וואַסער, אָן ברויט;
געשטאָכן מיט אייזערנע פלאַמיקע צינגער,
מען האָט זי געפּייניקט סאַדיסטיש צום טויט.

מען האָט זי געשלעפּט ביי דער שטאָלצער טשופּרינע,
מיט בייטשן געשמיסן איר קינדעריש לייב,
זי זאָל אויסגעבן — די פאַרטיזאַנען פאַרשיווע —
און גלייך וועט זי ווערן באַלוינט און באַפרייט...

מען האָט זי געמאַטערט, מען האָט זי געפּייניקט,
מיט צוואַנגען געריסן דאָס פאַרזיגלטע וואָרט;
טאַניאַ האָט זיך מיטן טויט פאַראייניקט —
מיט שווייגן געענטפערט — אויף שרעק און אויף מאָרד...

## ז.

עס האָבן דייטשן געטרובעט, עס האָבן דייטשן געזויפן,
מיט ווילדן געפייף, און ווילדע געפויקן...

מען האָט אַ פּאַרטיזאַנקע אַ יונגע געפאַנגען,
היינט פאַרנאַכט וועט זי ווערן געהאַנגען!

זאָלן אַלע אַרויס מיט די קינדער, מעטרעסן,
זיי וועלן דאָס בילד קיינמאָל פאַרגעסן!

צום פעסט זאָל מען ברענגען וואורשט צום פאַרבייסן,
זען ווי די מויד וועט פון דער תליה זיך רייסן...

ווי די מויד וועט זיך צאַפּלען, ווי די מויד וועט זיך וואָרפן,
זיי וועלן די שווערדן אין אירע פיאַטעס אַנשאַרפן...

ווער עס וויל נעמען אַ בילד צום געלעכטער,
זאָל זיך שטעלן אַנטקעגן, לעבן די ועכטער...

אין די דייטשע הימען, אין די אַרישע קרייזן,
זאָל מען דעם וואונדער פאַר דורות באַווייזן...

און האָלן דעם „פיורער" — ביי דער וואָס וועט הענגען,
אַזאַ וואונדער וועט אייביק דייטשלאַנד געדענקען...

## ז.

גרוי איז דער הימל, די לופט ווי מיט שוועבל,
מיט טאַניאַן פּאַרויס — אַ דייטשער פעלדפעבל.

צוויי וועכטער פון פאָרנט, צוויי וועכטער פון הינטן,
טאַניאַס הענט אין צוויי פויסטן געבונדן...

לעבן בוים מיט דער פעטליע וואַרט דער המון,
מיט אויגן ווי שטריק וואָס ציען צום בוים...

די לעצטע מינוט מען וועט זי נאָך שוינען,
פאַר די אַלע פיינען מיט גאָלד זי באַלוינען...

אַ וואונק טאָן בלויז מיט דער האַנט פונדאַנען,
וואו עס לויערן באַהאַלטן די פּאַרטיזאַנען...

דאָס דייטשע רייך וועט זי אויף אייביק באַגליקן,
סיי ווי פאַרברענט הינטער איר אַלע בריקן...

דער וועכטער באַפרייט אירע הענט פון די קנופּן,
אין טאַניאַס אויערן — טריט ווייטע טופּן...

טאַניאַ — די שטומע — וואַכט אויף ווי אין חלום,
און בילדער נאָך בילדער נעמען זיך מאָלן...

זי טראַכט פון די שטעט — אין פלאַמען געבאָדן,
זי טראַכט פון די קינדער אויף טויטע זאַוואָדן...

זי טראַכט פון די רויטע אַרמייער אין שנייען,
ווי זיי פויזען דורך טויט איר היימלאַנד באַפרייען.

זי טראַכט פון די זיידעס געקעפּטע אין גריבער —
זי טראַכט פון די חורבות אין אַשיקע שטיבער...

זי טראַכט פון איר מאַמען — וואָס וואַרט מיט טרערן,
זי וועט מער קיינמאָל אַהיים זיך אומקערן...

זי זעגנט זיך איצט אין געדאַכט מיט איר מאַמען,
זי זעגנט זיך שטום מיט די פּאַרטיזאַנען...

עס לויכט אויף אַ טרער אין די פינקלענדע אויגן,
ווי אַ הירש איר גוף אין שוואונג אויסגעצויגן...

זי גיט מיט דער האַנט אַ שאַר די טשופּרינע —
זי זעט אירע פעלדער מיט גראָזן מיט גרינע.

זי זעט איצט איר היים אויסגעלייזט פון די הענקער,
איר פאָלק וועט אויף אייביק איר טויט פאַרגעדענקען...

איר היימלאַנד עס בלוטיקט, פאַר אַ וועלט פאַר אַ בייער,
זי האָט בלויז איין לעבן — זי גיט עס צושטייער!

## ח.

עס וואַרט דער בוים מיט דער פּעטליע פאַרצויגן,
דער דייטשער המון לעכצט מיט טייוולשע אויגן...

צווישן עולם — איקאָנעס פאַרוויקלט אין שאַלן,
טרערן פון באָבעס — זיי פליסן ווי קוואַלן...

אַלטינקע באָבעס פון כאַטקעס געקומען,
ברעכן די הענט — בעטן גאָט פאַר איר נאָמען...

טאַניאַ, זי שטייט מיטן קאָפּ האַלב-געשוירן,
זי קוקט צום הימל — אין אַ שבועה פאַרשוואוירן...

די זון ברעכט דורך כמאַרעס — אַ גאָלדענעם טעלער,
טאַניאַס פּנים לויכט אויף העלער און העלער...

אויף איר פּנים די לעצטע זון איז געפאַלן,
עס האָבן כמאַרעס געפלאָכטן קרענץ פון שטראַלן...

זי עפנט דאָס מויל — ווי צום רעדן, דערקלערן,
די הענקער — זיי גאַפן איר ווידוי צו הערן...

ביים תליון אַ גליטש זיך פון אויג דער בינאָקל,
אין צאָרן זיין פּנים האָט זיך דערשראָקן.

גיט טאַניאַ אַ שפּיי אין זיין פּרצוף דעם קאַלטן:
די פּאַרטיזאַנען זיינען אָט דאָרטן באַהאַלטן!

אין טראָפּנס פון רעגן — אין גליווער פון שנייען,
אין שטראַלן פון זון — אין גסיסה־געשרייען.

אין קראַמף פון די גלידער צעהאַלבטע אין צווייען,
אין יללות פון קברים, אין בערג פון געשרייען!

אין זאַלץ פון די טרערן, אין בלוט פון די וואונדן,
זיי זיינען מיטן גורל פון די אַלע פאַרבונדן...

קיין וועג, קיין בריק קאָן זיי ניט פאַרצאַמען —
גיי זוך זיי! געפינען זיי, די פּאַרטיזאַנען!

איך הער זייערע טריט, דורך חורבות זיי גייען,
דורך שטורעם פון שניי מיין היימלאַנד באַפרייען.

איך בין איינע פון הונדערט, פון טויזנט אויף שליאַכן,
קיינמאָל מיר שלאָפן, שטענדיק מיר וואַכן...

קעגן שלאַנגען, קעגן מערדער, קעגן דראַכן,
מיר שפּייען און לאַכן — מיר שפּייען און לאַכן!

איך וועל פון דער תליה אויך טויטערהייט וועקן,
דעם לעצטן פאַשיסט — פון ערד אָפּצומעקן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער שלייף האָט דעם ווייסן האַלדז פאַרצויגן,
ווי צום טאַנץ איז דער גוף אין לופטן געפלויגן;

אין צאַפּל האָבן געלאַכט צוויי ליכטיקע אויגן,
אַ דערשראָקענער פויגל איז פון בוים אָפּגעפלויגן...

# ברודער, מיין ברודער!

מיינע בליקן צום בילד געשמידטע,
און טרערן וואַשן מיין פּנים;
אויף פעלדער פון פראָסט, צעגליטע,
איך וויל דאָרט מיין ברודער דערקאָנען...

אוי, ברודער, דו ברודער דו וויטער,
וואָס פליט איבער בערג מיט זיין פערד,
מיין ברודער, אַ לופטיקער רייטער,
ער האָט מיין שטים ניט דערהערט...

אוי, ברודער, מיין ברודער מיין צווייטער,
וואָס פאָרט אינעם שטאָלענעם טאַנק.
מיין ברודער אַ וויס־פאַרשנייטער,
ער דרייט די ראָד מיט געזאַנג...

אוי, ברודער, מיין ברודער, מיין דריטער,
אין די וואָלקנס פון עראָפּלאַן.
— אַ פויגל דורך שטורעם, געוויטער,
ניטאָ פאָר מיין ברודער קיין צאַם.

אוי, ברודער, דו קלענסטער, דו יינגסטער,
איך האָב דיך געלאָזן אַ קינד,
איצט ביסטו אין קאַמף דער פלינקסטער,
פלינקער פון שטורעם און ווינט.

ווי אַן אָדלער ער פליט פון די פעלזן,
ער פליט קעגן שונא אין קאַן,
אין ווירבל פון שנייאיקע פעלדער,
אין קריג: אַ צאַן פאַר אַ צאַן...

אַזוי פליען העלדישע קריגער
אין קאַמף אויף לעבן און טויט.
וואו זייט איר, מיינע פיר ברידער,
אויף ווייטע וועגן פאַרשנייט?

דורך העלדישע קריגער־געזאַנגען,
ברידער, איך הער אייער שטים;
מיר ווילט זיך מיין האַנט אייך דערלאַנגען,
אין די שלאַכטן ביי מאָסקווע און קרים...

אין ווייסע וועלדער פאַרשלייערט,
אַרמייען אין שנייען געהילט,
אין יעדן רויטן אַרמייער —
איך זע מיין ברודערס בילד.

# צו די העלדן פון מאָסקווע

איך בין אויף דיין ערד ניט געבוירן,
קיין איין מאָל ניט באַטראַכטן דיין לאַנד,
געזען דיינע גאַסן און מויערן,
דורך בילדער — סאָוועטן־פאַרבאַנד...

נאָר טיף מיט דיין לעבן איך אָטעם,
מיט פעלקער פון העלדישע זין,
דורך שנייען אויף וועגן פאַרשאָטן,
ווי איך וואָלט געצויגן אַהין.

דורך פרעסט און דורך שנייען סיבירער,
אויף אייז פאַרפרוירענע טריט;
דורך דורות געשפּאַנטע מאַרטירער,
אין קייטן די פיס געשמידט...

די פעלקער אין תפיסות פאַרשמיסן,
זייערע לעבנס געגעבן צושטייער;
איצט ביסטו דער וועלטס געוויסן —
געהייליקט דורך בלוט און פייער...

די היים פון גאָרקי און לענין,
זייער ליבשאַפט אין הערצער פאַרפלאַנצט;
די וויג פון פּושקין — יעסענין,
די „שעהערעזאַדע" רוישט אין דיין טאַנץ.

איך בין אויף דיין ערד ניט געוואַקסן,
נאָר דיין ערד איז מיר בלוטיק פאַרוואַנדט;
ווי וואָלט איך איצט אַקסל צו אַקסל
מיט דיינע אַרמייען געשפּאַנט!...

דורך יעדן העלדישן רויט־אַרמייער,
איך זע די וועלט באַפרייט.
זייט געבענטשט, איר מוטיקע גייער,
אויף ווייסן שניי אין דער ווייט!

# איך ענטפער

איך ענטפער אייך, דיכטער פון סאָוועטן,
שטרעק אייך אויס אַ שוועסטערלעכע האַנט,
דורך חורבות פון בערג מיט סקעלעטן
אין דער פאַרכטיקער שעה פון אייער לאַנד.

אייער רוף דורך שטעט צעשטערטע,
אייער רוף דורך געפייניקט געביין,
קלינגט אַפּ אין אויערן דערהערטע,
רייסט אויף אין שטומקייט פון שטיין.

ווען קוילן אייערע גלידער צעשטעפן,
טאַנקען צעוואַלגערן אייער גוף,
איר העראָאישע זין פון סאָוועטן —
קלינגט אַפּ איבער וועלט אייער רוף!

מיט אייער לעבן פאַרזייט איר דעם מאָרגן,
מיט אייער בלוט באַפּאַרבט איר די ערד;
פאַר יעדן פאַרשניטענעם קרבן —
פאַרטיליקט דורך היטלערשער שווערד.

דורך געשענדעטע הייליקע גלידער,
דורך גופים אויף תליות און שטריק,
דורך בערג מיט הרוגים אין גריבער —
וועט אויפגיין דאָס מענטשלעכע גליק...

ווי דורך שוואַרצע צעאַקערטע פעלדער
גייען אויף די זוימען פון ברויט, —
וועט אויפגיין דורך שטעט און דורך וועלדער
דאָס לעבן — געהייליקט דורך טויט.

דורך איך רעדן מיינע פיר ברידער,
עס רופט מיין מאַמע דורך אייך אין געקלאָג,
דורך קינות פון חרובע שטיבער —
פון מענטשלעך געיאָמער און פּלאָג.

איך ענטפער מיטן קלאַפּ פון מיין האַרצן,
איך ענטפער מיט יעדן נערוו פון מיין גוף,
דורך פאַרקוילעטע אברים, וואָס סטאַרטשען
פאַרשניטן אויף אייביק צום שלאָף...

איך ענטפער מיטן גלי פון שוואַרצאַפּל,
איך ענטפער מיטן קוש פון מיין מויל,
ווי די האַנט אין לעצטן געצאַפּל —
ביז דער לעצטער פאַרבליבענער קויל...

איך ענטפער אייך, דיכטער און זינגער,
אייער רוף דורך ימען צעשאַלט;
איך ענטפער מיט געפּיוסטיקטע פינגער,
מיטן ציטער פון מיין גאַנצער געשטאַלט.

איך ענטפער דורך פלאַמען פון פייער
ביים שייטער פון אַ קינדערשער וויג —
אויך געבן מיין לעבן צושטייער —
פאַרן קיום פון וועלטלעכן זיג.

## צו חנה לעווין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

איך שרייב דיר, דיכטערין אין ליכטיקן באַגינען
עס שיידט אונדז אַפּ דער ים מיט סאַבמאַרינען.

איך האָב דיין פּנים ניט געזען, נאָר אַלע פיינען
פון דיינע מענטשן — דורך מיינע לידער וויינען.

אונדזער פאָלק, וואָס וויינט אויף די מאַסן גריבער,
ברענג מיין ליבשאַפט אין זייער צער אַריבער...

ברענג זיי טרייסט אין די טעג די שווערע,
זאָל מיין שטים דורך דיר — דערהערט דאָרט ווערן.

די העלדן רויטאַרמייער, די יונגע פּאַרטיזאַנען,
וואָס קעמפן טאָג און נאַכט דורך פייער און דורך פלאַמען.

איך זע דיך מיט דער ביקס געאָרעמט שפּאַנען —
דו היטסט דיין לאַנד פון שונאס עראָפּלאַנען.

איך זע די קינדער שלאָפן אין בייזן דרימל,
דיינע שטערן־אויגן געווענדט צום בלויען הימל...

ס'איז פרילינג — דיין ערד מיט בלוט און טרערן,
וועט מיט נייער זריעה באַפרוכפּערט ווערן...

מיט זריעה פון מיין לאַנד, פון ליבע הענט געטרייע —
וואָס פלאַנצן אין דיין ערד אַ פרייַנטשאַפט אַזאַ נייע...

פון די נייע זאַנגען — דורך דער נייער זריעה —
וועט פאַר היטלערס האַלדז פלעכטן זיך אַ תליה...

אוי, דעמאָלט, טייערע, איך זאָל עס נאָר דערלעבן,
איך זאָל מויל צו מויל מזל־טוב דיר געבן...

# בלוט און פרילינג

אין גרינע צוויטן, אין בעז און אין בלומען
דער גאָלדענער פרילינג איז ווידער געקומען.

פון שלאָף האָבן גראָזן געגומען זיך וועקן,
ווי דורך אַ כישוף צום הימל זיך שטרעקן.

דער פרילינג געפּלאָטערט מיט זוניקע שטראַלן,
ער עפנט די אויגן פון פאַרפרוירענע קוואַלן;

אַ וואָרף מיט אַ פּאָלע אַ בערגל באַזונען,
מיט פיבער מיט צאַרטן ער וועקט די אָרומען.

— — — — — — — — — — — — — —

אויך צו מיין שטאָט, צו מיין היים צו מיין ווייטער
איז פרילינג געקומען פון פראָסט אַ באַפרייטער;

פרילינג ברענגט גאָלד, וועקט ערד פונעם חלום,
אַ קראָ פליט אַנטקעגן — גיט אים אָפּ שלום.

אַ קינדעריש גופל צעפוילט אין אַ העמדל,
באַגריסט אים מיט אַ פאַרגליווערטן הענטל.

אַ מאַמע לאַכט מיט סקעלעטישע ציינער,
צו איר ברוסט צוגעטוליעט איר עופהלעס ביינער.

פון דער ערד וואַקסט אַרויס אַ קאָפּ פון אַ יידן,
אינעם מאַסן־קבר זיין גוף ליגט צעריבן.

דער פרילינג שמעקט בלוט פון מענטשלעכע גלידער,
סקעלעטן סטאַרטשען אַרויס פון די גריבער.

עס פויזען צו אים מתים אין קברים,
און בוימערשע פינגער טייטלען מיט צאָרן.

אַנטקעגן אים וויגן זיך טויטע אויף תליות,
פון שאַנד ברענט זיין פּנים מיט צעצונדענע וויעס.

אין בושה צעפּלאַמט, דער פּריילינג נעמט לויפן,
מיט מתים פאַרזייט אַלע וועגן און הויפן...

ער שרייט אויס צו גאָט: וואו זאָל איך זיך קערן?
די ערד איז פאַרזייט מיט בלוט און מיט טרערן...

מיט דונער און בליצן עס שטורעמט דער הימל:
גאָט, נעם מיך צוריק — פאַרהיל מיך אין דרימל;

די מענשלעכע חיה, קודם פאַרטיליק —
עס פאַרט זיך מיט בלוט ניט אַ גאָלדענער פּריילינג!

# אין טאָג פון משפט

וועלט, אינעם טאָג פון משפט,ביים טיש פון פרידן
פאַרגעס ניט מיין פאָלק — די געפייניקטע יידן.

פאַרגעס ניט דעם יאָמער פון מענטשלעכע טרערן,
זאָל קיין איינציקע טרער — געשאָנקען ווערן!

פאַרגעס ניט די שאַנד פון די געפייניקטע טעכטער,
זאָל שטראָפן דיין משפט די הענקער און שעכטער.

פאַרגעס ניט די געטאָס צעשטויבטע אין פלאַמען,
די העלדישע ברידער פאַרקוילטע צוזאַמען.

לאָד איין צו דיין טיש די פרוי פון די פרויען,
זי זאָל דעם משפט דער וועלט אָנפאַרטרויען.

זאָל זי קומען צו די אָפענע טויערן,
מיט די טויטע קינדער אין וואָגל פאַרלוירן.

זאָלן שרייען די אָפענע, נאַקעטע וואונדן,
פון איר הייליקן לייב אויף שטיקער צעשונדן!

זאָל איר צער און יאָמער ניט ווערן פאַרשוויגן,
זאָל איר פיין אין וועלטס פנים ווערן פאַרשריבן.

קיין רעגן, קיין שניי וועט פאַרוואַשן די שפורן,
זי וועט מאָנען נקמה — ביי די אָפענע קברים.

זאָל מען דעם משפט — דער פרוי אָנגעטרויען,
אויפן חורבן די נייע וועלט אויפצובויען!

# דאָס אַש און ביינער פון מיין פאָלק

. . . און עס וועט זיין אַ טאָג, ווען יעדער איינער
וועט קומען קיין „טרעבלינקע״ אָפזוכן דאָס אַש און ביינער
פון טאַטע־מאַמע, פון שוועסטער און פון ברידער,
ער וועט קומען איינזאַמלען דאָס אַש פון זייערע גלידער...

ער וועט אויפהויבן דאָס אַש פון דער נידער,
צופאַלן צו די פאַרשוואַרצטע גלידער,
אַרומנעמען זיין שטאַם — דעם מאַסן־קבר,
דעם מענטשן־באַרג פון גרויען אַש און ביינער.

פלאַם און פייער פאַרצערן בלויז דעם שאַרבן,
אַ פאָלק קאָן קיינמאָל, קיינמאָל שטאַרבן —
מיין פאָלק וועט אויפשטיין פון די קברים,
זיך געשטאַלטיקן צוריק אין גאָטס־פורעם.

אין הימל, זון, בערג און ערד צוזאַמען —
אין אַלץ וועט לויכטן דאָס פּנים פון מיין מאַמען.
און אויב אין „טרעבלינקע״ — מיין מאַמע ליגט פאַרפייניקט,
זאָל אויך דאָרט מיין קבר זיין מיט איר פאַראייניקט...

# אונטערן גערענק־בוים

אונטערן געדענק־בוים וועלן זיך צוזאַמענקומען
משפחות פאַרוווישטע, פאַרפּרעמדט אָן אַ נאָמען,
אונטערן געדענק־בוים מיר וועלן זיצן צוזאַמען,
איך וועל דאָרטן געפינען מיין טאַטע־מאַמען.

דער געדענק־בוים וועט ציען צו די העכסטע רוימען,
ווייל בלוט פון די מענטשן — ער טראָגט אין זיין זוימען,
ווייל אויף דער ערד פון צער דער בוים איז געוואַקסן
פון טרערן געגערט — ווי פון רעגנשלאַקסן...

אונטער זיין קרוין משפחות פאַרלוירן
וועלן צוריק זיך באַגעגענען — ניי געבוירן,
איך זע אָט דעם בוים דורך שפּעטערע דורות —
די צווייגן צעהעלטע, צעשטראַלטע מנורות...

אונטערן געדענק־בוים פאַרוויגן מאַמעס די קינדער,
אונטערן בוים פון לעבן פון אייביקן וואונדער;
דער משפּחה־בוים, דער בוים פון גן־עדן,
וועט טיילן דער וועלט בלויז נחת און פריידן.

אונטערן געדענק־בוים וועלן מיר זיצן דאָרט אַלע
אין פאַרפלאָכטענע הענט — באַהעפט חתן־כלה;
אונטערן געדענק־בוים יונגע און זקנים;
דורך בלוט און דורך טרערן פאַראייניקט אינאיינעם.

אונטערן געדענק־בוים וועלן זיך צוזאַמענקומען
משפחות פאַרווישטע, פאַרפרעמדט אָן אַ נאָמען,
און שפּינען דעם חלום פון לעבן און לידער —
מיין צעריסענער שטאַם באַהעפטן זיך ווידער...

# דער טורעם

מיר בויען דעם טורעם פון גרונט צו דער הויך,
מיר שמידן צוזאַמען פון מוסקלען דעם כח,
מיר פלעכטן די בריקן פון לענג און פון ברייט,
מיר קניפּן און בינדן די נאָענט מיט ווייט
דורך מענטשן מאַרטירער אין הייליקן שטרייט,
מיר בויען דעם טורעם אין אייביקייט...

מיר זוכן דעם סוד פון יעדן מיריאַד
אויף שפּיגל פון גלאָז, אויף ציפער פון בלאַט,
און מעסטן דעם גאַנג דורך טעג און דורך נעכט,
פון לקוי־חמה אין פינצטער געפעכט;
ווען אונטער שוואַרצער חופה — לבנה מיט זון
מיט פּנים צו פּנים — קוקן זיך אָן...

מיר פאַרשן פּלאַנעטן דורך זייגערס פון צייט,
מיר ציען מאַגנעטיש די זון פון דער ווייט,
מיר טויכן מיט טויכערס צום אָפּגרונט פון טויט —
און גרייכן די פעלן פון וואָלקנס מיט שרויט,
אין מענטשלעך געראַנגל אויף לעבן און טויט,
דורך דורות דעם טורעם צום הימל געבויט...

און שפּיצט זיך דער טורעם צום הימל שוין נאָענט,
די פענצטער געשפּיגלט מיט זוניקן גאָלד,
די גלעקער — דורך טרערן און פּיינען געגליט,
די בריקן — פון מענטשלעכע ליידן געקניפּט...
דער טורעם פון ליכט, דער טורעם פון ברויט,
דורך פעלקער געברידערט, אין הימל פאַרטרויט...

שטורמען פינצטערע כחות דעם ליכטיקן ריז
און רייסן דעם טורעם אַראָפּ צו די פיס,
און שענדן די אוצרות מיט שענדלעכע הענט,
די ליכטיקע זיילן אין פלאַמען פאַרלענדט,
און ציען דאָס לעבן אין צוואַנגען־געפאַנג
צום אור־וואַלד צוריק, צום אוראַנג־אוטאַנג...

דער טורעם פאַרלענדט, אין פלינדער און רויב,
די בריקן און שטעט אויף אַש און אויף שטויב;
פאַרלאָשן זיין ליכט, פאַרביטן זיין גאָלד
אויף פייער און בלוט, די ערד, באַמאָלט.
מיט דונער און בליצן, מיט אומקום און טויט,
וואָס דורות האָבן אַ לעבן געבויט...

און גלייך זיינען הענט מיליאָנען פאַראַן,
מיט מענטשן־קרבנות אין היילקן שפּאַן —
און ווידער זיי בינדן אַ ים מיט אַ ים,
דורך שטאָלענע פליגל פון עראָפּלאַן —
מיט שיפן און באַנען אין חלום צעהעלט,
דורך ליכטיקן טורעם באַהעפטן די וועלט...

דער טורעם צום הימל ציט זיך און ציט,
פון מענטשלעכן מאַרך דורך דורות געשמידט;
אויף חורבות, אויף אומקום, אויף אַש און געביין —
וועט קיינמאָל דער מענטשלעכער טורעם פאַרגיין...
דורך עשאַפאָטן געקרייציקט אין פּיין —
וועט וואַקסן דער טורעם אין הימל אַריין...

און ליכטיק וועט זיין דער טורעם־פאַרבאַנד,
צעפינקלט מיט שטראַלן אויף יעטוועדן לאַנד;
און מענטשן־קינדער וועלן קומען צוגייז,
אויף אַלע שפּראַכן זיך איינִיק פאַרשטיין;
עס וועט לויכטן דער טורעם אין מאָרגן־רויט,
וואָס פעלקער האָבן דורך דורות געבויט...

# II

# איך הויב אויף מיינע אויגן

איך הויב אויף מיינע אויגן און גריס דיך, מיין וועלט,
דיין ווייט, דיינע בערג און די טאָלן.
ווידער האָט פרילינג אין גאָלד זיך צעהעלט,
מיט גרין די וועלט איז באַמאָלן.

ווי איבערגעקערטע שיפן ביים ים,
ליגן די בערג צום הימל געבונדן;
דער האָריזאָנט אין גאָלדענעם פלאָם —
די ברעגן אין שפּיגלען געצונדן...

איך הויב אויף מיינע אויגן צו דער ליכטיקער ווייט,
די וועלט האָט דערוואַכט פונעם ווינטער;
איך בין איצט אַ פידל, איך בין איצט אַ פליט
אין דער זוניקער וועלט, דער צעשפּילטער.

מיליאָנען פרילינגס שוין האָבן געגרינט,
און ווידער מעשה־בראשיתדיק צוויטן
די ביימער מיט שלייערן פון עפּל־צוויט,
ווי ווייסע כלות אין בליטן.

איך הויב אויף מיינע אויגן, צי אויס מיין האַנט,
בין היינט ווידער ניי־געבאָרן;
זאָל שלום ווערן אין יעטוועדן לאַנד,
פון בערג זאָל ניט ווערן קיין קברים...

זאָל אָט די שיינקייט ניט ווערן צעשטערט
פון באָמבעס און טויט־עראָפּלאַנען;
זאָל מיין תפילה ווערן דערהערט
דורך גיהנומשע פינצטערע ימען...

איך הויב אויף מיינע אויגן צום ליכטיקן בלוי
פון דערוואַכטן זוניקן פרילינג;
ווי דער ערשטער מענטש — איך שטיי היינט אַזוי,
מיט מעשה בראשית פאַרצווילינגט...

# אין וואַלד

זאָל זיין, איך קום ווי אַ חיה,
אַנטליי מיר דיין נאָרע, דיין רו.
שטאָט־געפּילדער — אַ טרויער־לוויה —
שרייט מיר נאָך אין וואַלד ווי די קראָ.

די שטאָט האָט געשפּיגן מיט פייער,
מיט קללות און פּלאָגן ווי סדום;
איך ברענג דיר, וואַלד־היים, צושטייער
מיין געזאַנג — ווי דער פויגל פון בוים.

אַנטליי מיר דיין שאָטן — בוים אין דער נידער,
קומט, פייגל, אַנטלייט מיר געבעט;
געשלאָגן זיינען היינט מיינע גלידער,
כאָטש מען זעט ניט קיין צייכן פון קלעפּ...

איך וויל בעטן, איך חיל זינגען צו ווענען,
איך וויל וויינען און האָב קיין געווין;
לאָז מיך דיין רו דאָ באַנעמען,
אַנטליי מיר דאָס שווייגן פון שטיין.

אַנטקעגן דאָרט ווייסט זיך אַ שאַרבן,
אַ שאַרבן פון אַ געוועזענער קו;
איך האָב היינט קיין מורא פאַר שטאַרבן
אין שטילקייט פון וואַלדיקער רו...

אין צווייגן עס פּאַטשן צווי פליגל,
אַ פויגל הויבט אויף זיך פון בוים.
די זון — אַ גאָלדענער שפּיגל,
לאַכט אַנטקעגן פון ליכטיקן רוים...

# מײַן הײליקע ערד

איך פֿאַל־צו צו דײַן פּנים, מײַן ערד, מײַן געטרײַע,
װי צום קװאַל פֿאַלט־צו אַ דורשטיקע חיה...

מיט די נאַקעטע פֿינגער דײַנע גראָזן נעם רײַסן,
װערסט קײנמאָל ניט מיד דעם מענטשן צו שפּײַזן.

מיט זאַפּטן מיט פֿרישע, מיט קװײטן, מיט בלומען —
איך בין צו דיר, ערד, אַהײם אָנגעקומען...

פֿעלט דיר אויס רעגן? טו טרינק מײַנע טרערן —
עס װעט איצט דײַן שויס זאַפּטיקער װערן.

נאָר דו איצט, מײַן ערד, דו קאָנסט מיך בארוען,
קײן װאונדער, װאָס מענטש קומט צו דיר רוען.

אין מידן שלאָף, דו שליסט אים אויף אײביק,
און װערסט מיט זײַן גוף ערדיש און לײַביק...

נאָר אָט זע אַ גרעזל, אָט זע אַ בלימל,
עס עפֿנט די אויגן פֿון פּראָסטיקן דרימל;

עס לאַכט איצט צו מיר מיט לעבן מיט נײַעם,
אַ שטראָל פֿון דער זון קומט עס באַפֿרײַען.

אָט זע אַ רויז אין שאַרלאַך געצונדן;
זי װיקלט זיך איצט אין אײגענע װאונדן.

אָט זע אַ בוים אין בליטן אין װײַסע,
דערצײלן דער װעלט פֿון עפּל אַ מעשׂה...

אָט איז אַ פֿויגל אין נעסט אָנגעקומען,
דו האָסט אים, מײַן ערד, װי מיך אויפֿגענומען...

# עס רוישט אַ וואַסער אין די צווייגן

עס רוישט אַ וואַסער אין די צווייגן,
עס טראָגט אַ ווינט זיך דורכן וואַלד;
שפּיל אויף, דו ווינט, געזאַנג פון שווייגן,
איך הער אין בלעטער ווי עס קוואַלט...

עס קוואַלט מיט זון־ליכט און מיט שטראַלן,
עס קוואַלט מיט לעבן יעדעס בלאַט,
דער ווינט ער רוישט אין שוים פון וואַלן,
קושט פון בלעטער אויס דעם זאַפט.

עס רוישט אַ וואַסער אין די צווייגן,
עס רעדט מיט שטראָמען היינט דער וואַלד;
דורך גערויש פון וואַלדיק שווייגן,
הער איך לעבן ווי עס קוואַלט...

## דאָס געפאַלענע פערד

אַמאָל איז גלאַנציק געווען זיין פעל,
די גריווע מיט ווינט און פלינק זיינע פיס,
זיין שפּרונג — אַן אָדלער איבער בערג,
וואָס טראָגט זיין רייטער מיטן שפּיז...

אויף פּרעיריס מיט שטורעמס צעטאַנצט,
מיט פערד און שקאַפּעס אין ווילדן געיעג,
מיט פעלד־בלומען און מירטן באַקראַנצט, —
אַזוי האָט געלעבט דורך יאָרן אַ פערד...

געאַקערט די ערד, געשלעפּט וועגן מיט היי,
געבויגן דורך יאָרן אין שטומען געשפּאַן;
אום ווינטער דורך וויכערס פון שניי,
געשלעפּט דעם יאָך פון פערדישן שטאַם.

דאָס פערד האָט דערוואַכט היינט אין בלויען קאַיאַר,
די אויגן מיט אייטערס ווי זומפּעלעך גרין;
געוואָלט אַ שפּרונג טאָן, ווי אין די יונגע יאָר —
צו די פּרעיריס, צו די וויטן — אַהין...

ער איז געלעגן אויף דער הייסער ערד,
די מאָרדע אָפן, די אויגן אויסגעוואַלגערט געל,
און געדאַכט פון מאַמע־פערד,
זי שלינגט אים צוריק אַריין אין פעל.

מיטן לעצטן אָטעמצוג צוגעקראָכן צו דער שטוב,
פאַרן שוועל אָוועקגעלייגט זיין מידן גוף;
האָבן האָרדעס פליגן אין אַ שוואַרצן קנויל,
אים איינגעוויגט אין זיין לעצטן שלאָף...

— — — — — — — — — — — — — — —

און זאָל פאַרצייכנט ווערן זיין געביין —
אין חודש תמוז, ווען עס גריבט די ערד, —
אַ לעבן אָפּגעדינט — און עלנט ווי אַ שטיין
ליגט ביים שוועל אַ געפאַלן פערד...

## צו דער זון!

זון, איך עס זיך איין אין דיר מיט מיין גאַנצער קראַפט.
ווי אַ רויטער מעלאָן דו טריפסט מיט האָניק־זאַפט.

מויל צו מויל, איך פיל דיין שטראַליקייט פון ליכט.
מיט דיין הייסער גבורה דו קושט איצט מיין געזיכט.

איך מאַך איצט צו די אויגן, פילן שטאַרקער דיין באַריר.
ווי מיט ווייַן מיין בלוט ווערט שיכורדיק מיט דיר.

גאָט, דער שניידער, האָט אין רוים דיך איינגעפּאַסט,
די מאָס פון וועלט צו דיין פּנים צוגעפּאַסט.

געשאָנקען דיר דעם גאַנצן הימל אין זיין גרויס;
דו זאָלסט באַלויכטן דעם וועלט־אַל פון זיין הויז.

און איך, מענטש — אַ פלעק אין דיין זון־פאַרגאַנג —
זאָל אויפגיין אינעם קול פון פויגל — מיין געזאַנג...

## צו די בערג!

הויבט מיך אויף, איר בערג, צום שפיץ פון אייער הויך.
אין אייערע אָדערן פליסט פון אייביקייט דער כח.

אויף אייערע פעלזן שלאָפט די צייט פון שטויב און שטיין,
פאַרשטיינערטע יאָרהונדערטער — אין פעלזן־ביין.

שטורעם, רעגן אויס אין סטרונעס מיין געוויין,
איך בין אַ וואָלקן אָנגעזאָפּט מיט מענטשנס פּיין...

דונער, יאָמער אויס מיין קול דורך וועלט און רוים.
גרין מיך, פרילינג, צוריק אין גרין פון בוים.

בליץ, ברען אויס דאָס שלעכטס פון אונדזער צייט,
איך זאָל בליען אין דיין שיינקייט — אַ לעבעדיקע בייט.

איך בין דאָס קול פון בערג, איך בין דער רויש פון בוים,
איך בין אַ טייל פון דיר, מיין וועלט, מיין רוים...

# דאָס טעלערל פון הימל

דאָס פעלד ציט אויס זיך ווי אין דרימל,
גאָט, איך וויל דאָס טעלערל פון הימל!

אַ גאָלדן טעלערל אויף אַ טאָץ קרישטאָלן —
אָט פאַלט די זון אַראָפּ צו די טאָלן...

און די בערג — אַלט געבויגענע ווי זקנים,
זיי ווילן אויך דאָס טעלערל מיט מיר אינאיינעם...

דיביימער מיט היטלען גאָלדענע אָנגעצויגן,
זיי הויבן אויך צום טעלערל די בלעטער־אויגן...

אָט פאַלט דאָס טעלערל — גאָטס האַנט אין ציטער,
און צעשיט זיך איבער בערג — אין שטראַלן־שפּליטער...

איך שטרעק אויס די האַנט צום טעלערל פון הימל,
דער פאַרנאַכט וויגט איין דאָס פעלד אין דרימל...

אויב עמעץ וועט דאָס טעלערל פון הימל פאַנגען,
שענקט עס מיר — איך האָב עס ניט געקאָנט דערלאַנגען.

# אין בלוט פאַרגייט די זון

איך זע דיך דורך ווייטן וואַלד,
איך זע דיך איצט אין יעדן צייכן;
די זון פאַרשטעלט מיר דיין געשטאַלט,
מיין אויג זוכט איצט דיין ליכט דערגרייכן...

די זון — אַ פיש אין כוואַליעס שווימט,
אַ גאָלדן פישל ניט צום פאַנגען;
פון לויטער זון מיין אויג איז בלינד,
איך קאָן דיך מיט מיין האַרץ דערלאַנגען...

איך זע דיך דורך העכסטער הויך,
עס שווינדן טאָלן, בערג און קוואַלן;
ווי טויזנט האַמערס שלאָגט מיין מוח,
ווי אין אָפּגרונט נידערפאַלן.

איך זע דיך איצט אין זון־פאַרגאַנג,
אין בלוט פאַרגייט די זון ביים שטאַרבן;
גייסט אויף אין מיר דורך געזאַנג —
ווי די זון אין אירע פאַרבן...

און אויב איך האָב דיר ווי געטאָן,
פאַרגיב מיר איצט אין מיינע טרוימען:
עס האָט אויסגעלאָשן זיך די זון,
עס שוואַרצן כוואַליעס אין די תהומען...

# מאַן

איך גיי דיר אַנטקעגן אויפֿן זוניקן פֿעלד,
מיט גאָלד אין די צעפּ און ליבשאַפֿט אין הענט.

הפקר אַזוי ווי דער שטורמיקער ים —
מיט געזאַנג אין מיין בלוט, דו מאַן.

ביסט פֿאַר מיר אַלץ: פֿון מיין אויג דאָס בלוי,
דאָס פֿייקלען אין האַרץ פֿון אַ פֿאַרליבטער פֿרוי.

דאָס ברויט אין מיין מויל, דער דורשט אויף מיין צונג,
דו ביסט פֿאַר מיר — ווי אין מדבר אַ טרונק.

איך גיי דיר אַנטקעגן אויפֿן זוניקן וועג,
לאָמיר גיין צוזאַמען — דורך געזאַנג פֿון די טעג.

# אַ בלוטיקע קויל

צו וואָס האָסטו צעפּליקט ביים זון־פאַרגאַנג
אַ בלוטיקע חיה, ווי אין דזשאַנגל־געפאַנג?

צו וואָס האָסטו באַוויזן אין גאָלד פון פאַרנאַכט
אויפן זוניקן הימל — אַ בלוטיקע שלאַכט?

צו וואָס האָסטו געשאָכטן אַ מענטש אָדער לאַם,
פאַרגאָסן דעם הימל אין פייער און פלאַם?

די שטראַלן־חלפים דורך וואָלקנס געשפּיזט,
מיט מענטשלעך בלוט די וועלט באַשפּריצט.

נעם צו די חלפים, צופיל בלוט איז פאַראַן,
עס באָדט זיך אין בלוט מיין פאָלק און מיין שטאַם.

פאַרמשפט צום טויט, אין גסיסה און אַנגסט,
פאַרשניטן ווי גראָזן פון אַ פינצטערער האַנט.

דיין חלף בליצט מיט זון אין געטראַפ,
עס קייקלט אַראָפּ זיך אַ בלוטיקער קאָפּ.

צו וואָס האָסטו באַוויזן אַ שפּיגל פון גרויל
אין זון־פאַרגאַנג — אַ בלוטיקע קויל?...

# וועהי־פער־וויל

וועהי־פער־וויל, וועהי־פער־וויל,
וועמען רופסטו אין דער שטיל?
וועמען רופסטו אין דער נאַכט
אויף דיין פלייטן פויגל־שפּראַך?
עס האָט לבנה אינעם רוים
באַגאָסן זילבער יעדן בוים,
און דו קלאָגסט אין דער שטיל,
וויינסט און רופסט — וועהי־פער־וויל...

וועהי־פער־וויל, וועהי־פער־וויל,
עס איז די נאַכט אַ טרויער־שפּיל;
שפּיל פון יאָמער, שפּיל פון טויט;
דו האָסט נאַכט זיך אָנפאַרטרויט.
די לבנה נויגט איר אויער —
און פאַרנעמט פון וועלט דעם טרויער,
ווי אַ גלגול אין דער שטיל;
ביסטו מיין יאָמער, וועהי־פער־וויל!

# האַרבסט־וואַלד

די ביימער זיינען לייבן־רויט
און וויאַנען אין די פאַרבן;
זיי זיינען שוין באַהעפט מיט טויט
און גליען פאַרן שטאַרבן.

די בלעטער גליען רויט ווי קרעל
אין טויטן ווינט צעפיבערט,
און ביימער לעמאָנאַדן־געל,
מאַראַנצן־גאָלד צעפליטערט.

דער פויגל האָט פאַרלאָזט זיין נעסט,
ער פליט צו אַ נייעם לעבן;
דער בוים שטייט מיט וואָרצלען פעסט,
וועט ווידער פרוכטן געבן.

שיכור פליט אַרום די בין,
מיט זומער אָנגעטרונקען;
די נאָדל־ביימער זילבער־גרין,
אין דרימל איינגעזונקען.

דער הימל בלויט מיט זויערמילך,
די וואָלקנס פעלצן זיך אין שנייען;
וואָראָנעס קראַקען אין געהילך —
מיט וואָלדיקע געשרייען...

אַ לערן זיך, דו מענטש — פון וואַלד,
מיט קנייטשן און מיט קאַרבן —
טראָג דיין שיינקייט פון ווערן אַלט,
ווי דער בוים אין שטאַרבן...

# אינדיאַנער זומער

כ׳האָב היינט געזען אַ בוים אין פלאַמען,
אַ בוים אין פייערן צעשפּילט;
די בלעטער־קעפּ מיט רויטע קאַמען,
אין פלאַם פון זון זיין שטאַם געהילט...

און וועלדער אין קאָלירן שאַרפע,
אין פּורפּור־רויט און אין מאַרון;
צעשפּילטע אויף צווייגן־האַרפן,
שפּילן אויס דאָס גאָלד פון זון...

אוןביימער מיט בראָנזענע בעכער,
מיט גאָלד בורשטיינען צעבליצט;
די ווערבעס מיט גרין־רויטע פעכער,
אין בלויע ווייטן איינגעקריצט.

און שיכורע ביימער פון ווײַנען
אין קאַרניוואַלן פון גרין און רויט;
אין רעגנבויגנס זייערע קרוינען שײַנען
און פיבערן דעם שענסטן חלום פאַרן טויט...

# דאָס ליד פון עפּל־בוים

שטייט אַ בוים אינמיטן פעלד,
זיין קרוין מיט ווייסע צווייטן;
וויגט דער ווינט זיין גוף
און קושט די ווייסע בליטן.

דער בוים נאָגט דעם זאַפט
פון ערד, און זון, און הימל;
באַפּרוכפּערט מיטן בלאַט
יעדעס ציטער־בלימל.

שטורעם, רעגן, זון,
קנאָספּ אין גרינעם בלעטל,
און עס בויכן זיך —
קליינע שטייפע עפּל...

אויסגעלאָשענע, ווי ליכט,
אויפן בוים די צווייטן;
שוואַנגערט אויס דער בוים
עפּל פון די בליטן...

# דאָס ליד פון רויטן עפּל

פון גרינעם בוים
האָסטו מיך אָפּגעריסן,
מיט ווייסע ציין —
אין מיר זיך איינגעביסן...

מיינע באַקן רויט —
פון לבנהס פּורעם;
אויסגעפּרואווט מיין הויט
פון ווינט און שטורעם.

זויג דעם עפּל־זאַפט,
פון מיין האַרץ אַרויס;
איך בין פול און רייף,
פּלאַץ פון הויט אַרויס...

טרינק מיין זאַפט
אין דיינע גלידער;
אינעם פרילינג־בלאַט
איך וועל אויפגיין ווידער...

# דאָס ליד פון עפּל מיטן וואָרעם

אויפן בוים איך העננ
און וויג זיך אין געציטער;
איך בין נאָך גרין און יונג —
מיין האַרץ איז ביטער...

אין האַרץ אַ וואָרעם ליגט
און עסט מיר אָפּ די יאָרן;
מיט טרערן וויינט מיין הויט,
ווי צו מיין געבאָרן.

דער וואָרעם נאָגט מיך אויס,
מיין פּנים פול מיט קאָרבן;
איידער אַזאַ ביטער לעבן —
בעסער יונג צו שטאַרבן...

# דאָס ליד פון פוילן עפל

אויף דער ערד אַ הויפן מיסט
מיט געלע בלעטער דאַרע —
דריי עפל רוען וויסט,
אויסגעצערטע, קוואַרע.

דריי עפל טוליען זיך,
ווער ווייס דען זייערע גרוילן?
ערגער פונעם טויט —
גליוועןרן און פוילן...

אָפּגעלעבט, און אָפּגעבליט,
צוגעפוילט די זייטן;
שוואַרצע פליגן רוישן אום,
דער בוים — ער קוקט פון ווייטן.

אָפּגעטרייסלט פונעם גוף,
רוישן נאָך די קרוינען —
און דער בוים מיט נייער קראַפט
ציט זיך צו די רוימען.

אָפּגעהוליעט מיטן ווינט,
די אויבסטן אָפּגעגעבן —
זיך אויסגעלעבט אין פרילינג־פרייד,
באַפרוכפערט מיטן לעבן...

## עפל־קוואַס

שטייט אַ רונדער ברוינער פאַס
אָנגעפילט מיט עפל־קוואַס...

ליגן עפל שוואַרץ פאַרברענט,
רוישט דער זאַפט אומפאַרשעמט...

אויסגעקוועטשט און אויסגעדריקט,
און די הויטן אָפּגעפליקט;

שפּאַרט דער זאַפט מיט געלן שוים,
אָפּגעשיידן פונעם בוים...

שפּאַרט מיט רוגזה פונעם פאַס,
זידט און שוימט דער עפל־קוואַס...

און דער קוואַס פון צאַפּן קוואַלט;
שמעקט מיט עפל, בוים און וואַלד...

# ווייסער שניי

אַ שניי האָט זיך אין פּליטערלעך אָװעקגעלאָזן,
װײַסן פֿון איבער דער װעלט צעשאָטן;
װינטן האָבן אױף פֿײַפֿעלעך געבלאָזן —
שניי־שיכעלעך די ערד באַטראָטן...

די נאָדל־בײמער מיט אײַז־טרערן באַהאָנגען,
אױף די שפּילקעס פֿראָסט איז אָנגעשטאָכן;
די װעלט — מיט שניי־װײַסע פֿאָרהאָנגען,
אין שמאַטעס אָנגעטאָן מײַן אַלטער שכן...

די נאָדל־בײמער בליצן מיט דימענט־אױגן,
און בלענדן אױס דאָס זילבער פֿון די שנייען;
מײַן אַלטער שכן אין דרייען אײַנגעבױגן —
אױף די בײכער קאַטשען זיך די שנייען...

דער הונגער קנאַקט זיך אױס די קנאָכן,
נעמט אױף זײַנע צײנער שפּילן;
עס האָט קײן ברױט מײַן אַלטער שכן,
קײן קלײד די אבֿרים אײַנצוהילן...

ער שטײט געבױגן אױף זײַן רידל,
פֿאַר אַ מאָלצײַט אָװעקשאַרן די שנייען;
זײַן האָנט בלױ־אָדערדיק װי סטרונעס פֿון אַ פֿידל,
פֿון זײַן יעדן הוסט רױטלען זיך די שנייען...

# פראָסט

פריר אויס, דו פראָסט, מיט דיין זילבער אַלע וועגן,
ווידער גיי איך דיר, מיט ליבשאַפט, היינט אַנטקעגן.

ווייס אויס, דו שניי, די וועלט אין בלענד אין ווייסן,
פאַרדעק די בלאָטיקייט, זאָל יום־טובן אין דרויסן...

טו זיך אָן, בוים, אין אויערינגלעך, אין שנירן;
איך זע די פרישע טרערן אין דיינע אויגן פרירן...

גיב אָוועק זיך צום ווייסן שניי דעם קאַלטן,
ער וועט דיין נאַקעטקייט אין ווייסן פליוש באַהאַלטן.

קום אַהער, דו, איך וועל זיך היינט מיט דיר ניט קריגן,
איך שוועב אויף ווייסע שנייען ווי אַנגעטאָן אין פליגל.

ווי קאָן איך האַסן אין אַ טאָג פון ווייסע צווייטן?
קושט אויס, איר שנייען, מיינע פיבערדיקע ליפּן!

וואו זענט איר, זילבער־גלעקער אויף אַ ווייסן שליטן?
פאַרדעק, דו שניי, די שוואַרצע וועלט מיט דיינע ווייסע בליטן!

# עס פּיקט זיך דער פרילינג

די גאַס מיט ווינטער, מיט אייז און מיט שניי,
עס שמעקט דער דרויסן מיט פרילינג־געשפּריי.

עס טראָגן די טייכן קריעס צום ברעג,
אַ פויגל אַ שוואַרצער זעגט ווי אַ זעג...

די דעכער מיט שנייען בויכן זיך אויף,
איבערן שניי דער פרילינג וואַכט אויף.

דורך ברודיקן אייז גייט אויף די ערד,
אַ גרעזל — דעם אָנקום פון פרילינג דערהערט...

עס זיצט דער ווינטער ווי אַ גאַנדז אויף אַן איי,
עס פּיקט זיך דער פרילינג פון קויטיקן שניי...

מיט גאָלדענע פליגל זון־שטויב צעוויט,
אין לופטן געבליטן פון קנאָספּן פּאַרזייט...

איך שפּאַן איבער גאַס מיט פּראַסטיקע טריט,
מיינע נאָזלעכער אָטעמען שפּראָצונגען צוויט...

איך שטרעק זיך צו זון ווי בוים פונעם שלאָף,
דאָס בין איך דער פרילינג מיט שיכורן גוף.

עס ציט זיך מיין מויל צום ווייניקן ווינט,
דאָס האָט זיך מיין בלוט מיט פרילינג צעשפּילט.

# דאָס בּאָרוועסע ייִנגעלע

אין פראָסטיקן מאָרגן, אין בלענדיקן ווייס
איז אויפגעשטאַנען אַ זילבערנער גרייז;
זיין מאַנטל — פעדים געשפּינטע פון פראָסט,
מיט ווינט צעהוליעט, די פּאָלעס צעלאָזט.

גייט זיך אַזוי דער שנייאיקער גרייז,
זעט ווי די וועלט פאַרגליווערט אין אייז;
ווייט הינטער באַרג אַ שטיבעלע שטייט,
אין קוימען דער ווינט וואָיעט און וויינט...

ביים פענצטערל דאָרט זיצט זיך אַ קינד,
מיט באָרוועסע פיס צעבלוטיקט פון ווינט;
דורך פראָסטיקער שויב דאָס ייִנגעלע זעט
דעם זילבערנעם ווינטער אין ווייסן זשיליעט...

אויף אַלע פענצטער איז יום־טוב שוין דאָ,
ביימעלעך גרינע, אין ליכטעלעך בלאָ;
זיין מאַמע האָט אים דערציילט פון אַ שפּרוך —
היינט קאָן ער זיך ווינטשן אַ גאָלדענעם שוך.

נאָר דאָס ייִנגעלע וויל ניט קיין שיכל פון גאָלד,
ער האָט זיך ביים שויב אַ פּאָר שיך אויסגעמאָלט,
אַ פּאָר לעדערנע שיך אויף די באָרוועסע פיס —
דאָס וועט ער דאָך קריגן היינט אויף געוויס...

און ער מאָלט פון פאַרפרוירענע בלומען זיך אויס
אַ מאַנטל, אַ היטל, אַ וואַרעמע הויז;
דער נאַקעטער טיש מיט אַ טישטעך געדעקט,
ברויטעלעך ווייסע און פוטער־געבעקס...

דער זילבערנער גרייז אין ווייסן זשיליעט
האָט זיך פון שניי אַ בעט אויסגעבעט;
קנאַקט מיט די צווייגן צעטריקנט פון קעלט,
ווייס ליגט באַדעקט די שנייאיקע וועלט...

דאָס באָרוועסע ייִנגעלע ביים פענצטערל זיצט,
דורך בלויע טרערן חלומט נאָך איצט —
און מאָלט פון פאַרפרוירענע בלומען זיך אויס
אַ פּאָר לעדערנע שיך, און אַ וואַרעמע הויז...

# III

# די גאָלדענע קייט

איך געדענק נאָך אַלס קינד, מיין קינדערשע פרייד,
ווען עס פלעגט אַ בליץ טאָן פאַר מיר — די גאָלדענע קייט...

אין רינגען פון גינגאָלד, פלעגט טאַנצן פאַרשייט
אין מיין טאַטנס צוויי הענט — די גאָלדענע קייט...

דאָס האָט אים מיין מאַמע אין איר צנועות־קלייד,
אין ליבשאַפט געשאָנקען די גאָלדענע קייט.

דורך לעבן און טויט — קיינמאָל זיך צעשיידט,
ער האָט הייליק געהאַלטן — די גאָלדענע קייט.

ווען באָמבעס האָבן מיין שטעטל פאַרזייט,
איז ניצול געבליבן — די גאָלדענע קייט...

אין וויטן אַוועק — מיט מיין היים זיך צעשיידט,
האָט מיין טאַטע געשיקט מיר — די גאָלדענע קייט.

דאָס, וואָס מיין מאַמע האָט אין ריינקייט פאַרגרייט,
אויך מיין דור זאָל טראָגן — די גאָלדענע קייט...

דער מענטש איז שטערבלעך — דאָס לעבן פאַרגייט,
נאָר הייליק זאָל בלייבן די גאָלדענע קייט...

דער זומער פאַרגרינט, דער ווינטער פאַרשנייט,
נאָר מעשים זיך קייטלען אין דער גאָלדענער קייט...

— — — — — — — — — — — — — —

אין יאוש פון טעג, אין צער און אין פרייד,
איך האַלט הייליק, מיין מאַמע, די גאָלדענע קייט.

עס זאָל אויך באַשערט זיין מיין טאָכטער מיט פרייד
צו טראָגן אין ריינקייט — די גאָלדענע קייט...

# דאָס רויטע טיכל

איבער ווייטע ווייטן, דורך בלויע אָקעאַנען
האָב איך באַקומען אַ רויט טיכל פון מיין מאַמען.

מיט די שענסטע קווייטן, מיט די בונטסטע בלומען,
די זון פון מיין היים האָט דאָס טיכל מיטגענומען...

פונעם לייכטסטן וואָל דאָס טיכל אויסגעשפונען,
ווי לעבעדיק בליען אויפן טיכל נאָך די בלומען...

האָב איך דאָס טיכל אויפן וואַנט אויפגעהאַנגען,
די זון פון מיין היים — איז אין מיין שטוב אויפגעגאַנגען.

דער שפיגל האָט געבלענדט מיט רויטע זונען,
ווי איך וואָלט מיין היים־לאַנד צוריקגעפונען...

האָב איך דאָס טיכל פון וואַנט אַראָפּגענומען
און איינגעגראָבן מיין פאַרבענקט וויינענדיק פּנים...

איך האָב זיך איינגעהילט אין טיכל מיט די רויטע בלומען,
ווי מיין מאַמעס הענט וואָלטן מיך אַרומגענומען...

— — — — — — — — — — — — — — —

מיין היים אויף חורבות און אויף פלאַמען,
אין מיינע וויינענדיקע הענט דאָס רויטע טיכל פון מיין מאַמען...

# פאַריתומטע לייכטער

צוויי פאַריתומטע לייכטער אין קאַלטן געוויכט,
שפּינען דעם חלום פון אַ מענטשלעך געזיכט.

דורך די העלדזער — האָבן פלעמלעך געלאַכט,
אין אָרעמער שטוב דעם שבת געבראַכט.

דורך די לייכטער האָבן ליכטער געבליצט,
אַ פּנים געלייטערט מיט פינגער באַשיצט.

צוויי הענט אין אַ בונד אין פינגער געפלעכט,
צעפינקלטע פלעמלעך — מיט גאָט אין געפּעכט...

דורך יאָרן צעצונדן פרייטיק צו נאַכטס,
אין ראָד פון משפחה — האָבן פלעמלעך געלאַכט.

אין הייליקן טרויער געטריפט אין געצאַנק,
מיט געפלאָכטענע חלות — דער טיש מיט געזאַנג.

און ליכטלעך זיך האָבן אין אויגן דערקענט —
אין מאַמעשע טרערן ווי אין אַ שפּיגל געבלענד.

— — — — — — — — — — — — — —

צוויי פאַריתומטע לייכטער אין קאַלטן געוויכט,
שפּינען דעם חלום פון אַ מענטשלעך געזיכט.

# דער פּאַטש

ס׳איז געווען דעמאָלט ווינטער, אין אַ וואונדערלעך לאַנד,
צוויי קינדער געגאַנגען אין שניי זאַלבעצאַנד...

אַ ייִנגל אַ שלאַנקער אין שנייאיקן גלאַנץ
און אַ מיידל ביים זייט אַזוי ווי אין טאַנץ.

דער פראָסט האָט געשאַטן קרישטאָלענעם צוויט,
און די פרייד איז געגאַנגען מיט זיי אינדערמיט...

די שטיבלעך אין רייען געפּעלצטע אין ווייס;
דער ווינטער דער ווייסער ווי אַן אַלטינקער גרייז...

די קוימענס ווי ליולקעס אין רויכלעך געוועבט —
זיי ביידע אין פראָסט זיי האָבן געשוועבט...

אויף פליגל פון ווינטער — אין ווייסקייט פון נאַכט,
די פרייד — ווי אַ מאַמע מיט זיי האָט געלאַכט...

דיביימער ווי האַרפן צעשפּילטע אין קלאַנג,
דער ווינט האָט מיט פינגער געשפּילט אַ געזאַנג.

לבנה האָט רענדלעך אויף וועגן געזייט,
אויף קינדערשע קעפּ האָט געזילבערט די פרייד.

נאָר פלוצלונג דערפילט אַ האַנט אויף איר באַק,
אַזוי ווי דער הילך פונעם שאַרף פון אַ האַק...

דער טאַטע געכאַפּט זי אין שרעקלעכער זינד —
זי געדענקט אָט דעם פּאַטש — זי איז געוואָרן אויס קינד.

פאַרשעמט און באַליידיקט מיט אַ הויכן געוויין,
זי האָט געלאָזן דאָס ייִנגל — און געלאָפן אַהיים.

# מיין חבר, פון די קינדער־יאָרן

## א.

אין דיינע קנייטשן דרימלען אַזויפיל זאָרגן,
דאָס ביסטו מיין חבר פון די קינדער־יאָר?
אין דיינע אויגן אַזויפיל צער פאַרבאָרגן —
דיין קאָפּ אין אַ קרוין פון גרויע האָר.

מיר קומען פון אַ דור פון יונגע זקנים,
צו דרייסיק יאָר — מיין דור איז אַלט.
אַזויפיל פּיינען דורכגעלעבט אינאיינעם;
אין מלחמה־יאָרן, אין שחיטה־וואַלד.

אין די שעהן פון בלוטיקע מעת־לעתן —
איז אויסגעפּרואווט שוין אונדזער וועג.
אין יענע שוידער־יאָרן לאָמיר פאַרגעסן,
און גיין דורך צער צו נייע טעג...

## ב.

מיר איז געקומען אויפן זכרון —
מיר זיינען צוריק קינדער פון אַמאָל...
אויפן קייזער־באַרג אין אַ שניי אַ קלאָרן,
דער טייך — צעשפליטערטער קרישטאָל.

איך האָב דערציילט מיין זון פון מיינע קינדער־יאָרן,
דו האָסט מיין שליטן אַפּגעלאָזט אויף ווייסן שניי;
באַרג־אַראָפּ בין איך אין טייך אַריינגעפאָרן,
מיינע הענט — צוויי ווינט־מילן אין געדריי.

מיין יונגער זון וועט געדענקען עס מסתמא —
איך האָב פאַר אים געמאָלן דעם ווירבל־ווינט;
ער האָט געבעטן: דערצייל, דערצייל נאָך, מאַמע;
געענטפערט אים — גענוג פאַר היינט, מיין קינד...

ג.

איך האָב געחלומט מיין גאַנצן לעבן
פון אַט דער פיינלעכער מינוט:
צוויי מענטשן זיך באַגעגענען —
פאַרפרעמדט אין זייער בלוט.

צווישן זיי ווי אַ טיפער אָפּגרונט,
בייטשן יאָרן — אָפּגעפרעמדט;
נאָר מענטש ווי דורך אַ שטומען צובונד,
ווערט נאָענט דיר ביז צום העמד.

און ווידער שטייסטו פאַר אַ בלויען ברונעך,
און שעפּסט אין אויגן אַ קרוג מיט ליכט;
איןביידנס בליקן פינקלען זונען —
און נאָענט ווערט מיר דאָס פרעמד געזיכט...

# טאַנץ־שיכעלעך

לייוועגטענע שיכעלעך האָט מיין טאָכטער היינט געקראָגן,
איך זע זי ווי אַ פייגעלע זיך אין דער לופטן טראָגן.

מיין מיידעלע, מיין טאַנצנדיקס, דער דיל איז איצט מיר טייער,
אַט שוועבסטו אין דער לופטן ווי אַ שמעטערלינג ביים פייער...

אַט בויגסטו איין דיין קעפעלע, ווי ביסט ביי זיך געפאַלן,
אַט שפרינגסטו אויף אַ פריידיקע צו פאַנגען גאָלד פון שטראַלן...

אַט קלייבסטו בלויע בלימעלעך, און וואַרפסט זיי לייכט געשווינדער,
עס כאַפּן אויף זיי שפּילעוודיק — טאַנצנדיקע קינדער...

אַט מאַרשירסטו צום טאַקט און ריטם פון די פויקן,
מיט אָפענע און ליכטיקע קינדערשע צוויי אויגן.

אַט טאַנצסטו פול מיט חן די ליבע פון אַ דאַמע,
און קניקסט זיך צו דיין קאַוואַליער — מיין טאָכטער חוה.

אַט ביסטו איצט אַ ווייסע שוואַן לייכט און אויסגעבאָדן,
און שוועבסט אַוועק ביים האָריזאָנט מיט חלום אָנגעלאָדן...

טאַנצט אַוועק מיין מיידעלע, אין כישוף פון די קלאַנגען,
אין טאַנצנדיקע שיכעלעך — דעם הימל צו דערלאַנגען...

די צעפּעלעך צעפלויגענע — די בעקעלעך זיי פלאַמען, —
טאַנץ, מיין קינד, ווייל ביסט נאָך יונג, וואויל איז איצט דיין מאַמען.

# מיין באָבע האָדע

פון טעג פאַרגאַנגענע — צוויי דורות פאַרשוואומען,
האָב איך אַפּאָרצייטיק פאָטאָ־בילד געפונען.

אַ בילד פון אַ כלה־מיידל, וואָס איז געווען מיין באָבע;
מיט איר מאָדנעם אויסטערלישן נאָמען: האָדע.

די בליקן לאַנגע ווײַס, צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ צנועה, דעם גוידער אָנגעבלאָזן...

די קליידער־פּיראַמידן — מיט צאַרטע שפּיצן,
ווי אַ קייזערינע אויף אַ טראָן, זי טוט דאָרט זיצן...

אויפן טישל אַ טייטש־חומש — פון עלפאַנטביין אַ טייטל,
אַ שטרויז־פאָכער — מיט אַ בוקעט פּאַפּירענע קווייטן...

דאָס ערשטע בילד צו שיקן איר ווייטן באַשערטן —
רב יאָסלען, מיין זיידן — דעם פרומען חתן דעם געלערנטן...

— — — — — — — — — — — — — — —

איך קאָן היינט קוים באַנעמען —
מיין באָבע האָדען מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען...

איך געדענק זי אין מלחמה־יאָרן,
מיין זיידע האָט זי אויף אַ באַן פאַרלאָרן.

די באַן איז געפלויגן מיט קנוילן רויך באַלאָדן,
צוגעכאַפּט פונעם זיידן די באָבע האָדען...

פון דעמאָלט זיינען אַוועקגעשוואומען טעג און יאָרן,
מיין באָבע דורך וואָגלעניש איז צוריק אַהיימגעפאָרן...

געבראָטן אירע אויגן ביים פייער אויוון רויטן,
געבאַקן טעג און נעכט קיילעכדיקע ברויטן...

ווייל מיין זיידע דער תלמיד־חכם
האָט געלעבט פון ספרים און בטחון...

און מיין באָבען האָבן די יאָרן איינגעבויגן,
די פלאַמען אויסגעבערענט דאָס ליכט פון אירע אויגן...

אין מיין האַנט — מיין באָבעס בילד מיט דער ציטער־נאָדל,
אין גן־עדן זאָל איר ליכטיק זיין — מיין באָבע האָדען...

# גייט דער שוחט דעם שבת אַנטקעגן

גייט דער שוחט דעם שבת אַנטקעגן,
זיין חלף שלאָפט אינעם שייד;
ער גייט מיט געזאַנג אויף די וועגן,
באַגעגענען דעם שבת מיט פרייד...

די הינער, זיי דרימלען אין פרידן,
די קולות אין פעלד פאַרשטילט;
אין בראַנדיקן טאָג דעם מידן —
זיי האָבן דעם שבת דערפילט...

די פייגל אין צווייגן פוןביימער,
זיי שיקן אויך זייער געזאַנג;
דער שוחט, געהייליקט פון חומר,
באַגעגנט דעם שבת אין גאַנג...

דער שוחט, ער שפּרייזט געלייטערט,
און זינגט צו זיך אויפן פעלד;
די זון — אַ בלוטיקער שייטער,
ברענגט אַ קרבן דער וועלט...

# צו אייך, פרויען!

איך קום ניט צו אייך פון די הויכן,
איך קום ניט צו אייך פון דער פרעמד,
מיין ליד אין אייערע לעבנס צו טויכן;
איר זייט נאָענט מיר, — ווי מיינע צוויי הענט.

אַ פרוי, ווי איר צווישן פרויען,
צווישן מאַמעס — אַ מאַמע אַליין;
איר קאָנט אייערע ליידן פאַרטרויען —
איך בין געביין פון אייער געביין.

איינע פון אייך, מיינע שוועסטער,
וואָס טראָגט דעם פיין און די רוט;
ווי אַ פלייט אין כאָר פון אָרקעסטער,
זייט איר דאָס געזאַנג אין מיין בלוט...

אַזויפיל געזאַנג איז פאַראַנען
פון יעטוועדער שטוביקער ווייב —
איך זינג דאָס געזאַנג צו די מאַנען,
פון ליבשאַפט — און הייליק דאָס לייב...

איך קום ניט צו אייך פון די טורעמס,
פאַרשלאָסן אויף ריגלען פון רו;
איך גיי מיט אייך אין די שטורעמס,
און אָטעם מיט אייך יעדע שעה...

ווען איר צאַפּלט זיך אין ווייען,
פאַרצווייפלט מיט אייך איז מיין זיין, —
איך בין דאָס קול פון אייערע געשרייען,
ביים געבורט פון מענטשלעכן פיין...

איך טראָג פון אייערע ליידן די זריעה,
פון אייער צער און פרייד מיין געזאַנג...
צו זיין אַ פרוי איז אַ זכיה,
און טראָגן די מענטשהייט אין גאַנג...

# פאַרליבטע אויגן

עס קאָן די זון דעם טאָג פאַרראַטן,
דורך דעם קאַלטן ליכט דעם מאַטן.

עס קאָן די ווייט פון הימל־ספערן
אָפּנאַרן מיליאַרדן שטערן...

עס קאָן דער ים אין שטילן שווייגעגן
אַ קרבן אין זיין טיף פאַרשלינגען...

וואו דו זאָלסט דיין בליק ניט ווענדן —
אַלץ פאַרפירט און קאָן פאַרבלענדן...

נאָר אין אויגן ווען וועסט קוקן,
וועט אַ האַרץ פאַר דיר זיך בוקן...

וועט דער סוד פון יענעמס לעבן —
אין דיין בליק זיך איבערוועבן...

ווייל אויגן קאָנען ניט פאַרצאַמען
דאָס געוויין פון אַלע ימען...

אין פאַרליבטע שטומע אויגן
לויכט דאָס ליכט פון רעגנבויגן...

# פרוי

גאָט, האָסט באַשאַפן מיך,
אַ פרוי, אַ ווייב.
פון די ליידנשאַפטן
פון אָדם־חוהס לייב.
האָסט אָנגעגליט מיין בלוט:
פון דיינע פייערן פלאַם
האָסט פאַרזייט אין מיר
דעם הייסטן פרויען־שטאַם...

אין מיין בלוט עס לויכט די זון,
אין מיין האַרץ עס שפילט די פלייט,
געזאַנג פון אַלע פרויען —
האָסטו אין מיר פאַרזייט...
דו ביסט אייביק —
אין אייביקייט פון צייט,
און איך בין ערדיש,
אַ פרוי, אַ זינדיק ווייב...

נאָר ווי דאָס לעבן —
רינגען אין אַ קייט —
וועט מיין דור נאָך מיר
פאַרהייליקן דאָס לייב,
פלאַנצן אין נייע דורות
די ליבשאַפט און די פרייד
דורך באַהעפטונג
פון מאַן און ווייב...

# אין אַ נאַכט

איך האָב פאַרדעקט די אויגן,
איך זאָל דיך טיפער זען,
האָט נאַכט מיך צוגעצויגן
אין אירע טונקעלע אַלייען...

איך האָב פאַרקלעמט אין פיין די ציינער
און פאַרבונדן מיינע הענט;
האָט לייב געיאָמערט: דו איינער —
האָב איך דורך נאַכט צו דיר געגענט.

געזען דיך זיצן ביי אַ ברונען,
וואַסער־שפּיגלען שעפּט די נאַכט,
און געזאָגט: איך בין געקומען,
האָט דער ברונען זיך צעלאַכט...

דער תהום פון מענטשנס טיפעליידן
איז ווי דער ברונען אָן אַ גרונט,
ביים באַגעגענען און ביים שיידן —
איז געהייליקט אונדזער בונד...

האָבן שטערן — אַ קרוין פון לידער
אַרומגעקראַנצט מיין מידן קאָפּ,
האָב איך גענידערט צו דער נידער,
צו דער נאַכט — אַראָפּ, אַראָפּ...

# לעבן

מאָל מיך, לעבן, מאָל מיך בלינד,
איך בין אַ קערנדל אין ווינט.
מאָל מיך, שטורעם, מאָל מיך טויב —
איך בין אַ קערנדל אין שטויב...

אין מיינע אויגן וועלטס געשריי,
יעדנס אומגליק ברענט אין זיי.
מאָל מיך, לעבן, דריי מיך, דריי,
ווי אין שטורעם ווייסער שניי.

איך האָב געזען אַ מענטשן היינט,
איך האָב געזען אַן אַלטן פריינט;
אין די אויגן — מעסער־פּעכט —
ווער פון אונדז איז היינט גערעכט?

דריי מיך, לעבן, דריי מיך, דריי,
מענטשן־יאָמער — וועלטס געשריי,
אין דיין מיל פון לייד און פּיין
מאָלסטו טרערן פון געוויין,

מאָלסטו טויט, און מאָלסטו לייד
אויף די פליגל פון דער צייט.
מאָל מיך, לעבן, מאָל מיך בלינד,
איך בין אַ קערנדל אין ווינט...

# ניט דאָס האָב איך געמיינט

אָ, ניט דאָס האָב איך געמיינט,
איך האָב זיך היינט אין מיטן גאַס צעוויינט.

דער הימל האָט געבראָכן זיך ווי שוואַרצער גלאָז,
ווי אַ רעגן גאָלד האָבן שטערן זיך אַראָפּגעלאָזט.

און שווינדלדיק צעשאָטן און צעוויט,
ווי אַ האָגל דיינע שאַרפע רייד...

אויף מיינע אַקסל אַזאַ שווער געוויכט,
אַ בויג מיך נישט ווי אין פלאַמען אויס אַ ליכט...

איך בין הונגעריק נאָך גוטסקייט און נאָך פרייד,
און עס טוען וויי מיר ווי בייטשן דיינע רייד...

אָ ניט דאָס, ניט דאָס האָב איך געמיינט,
איך האָב זיך היינט אינמיטן גאַס צעוויינט...

# אַמאָל איז געווען אַ מלך

אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן זייער פריילעך,
האָט ער אַ מעשהלע אַזאַ דערציילט אין יענע טעג:
אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ גוטער מלך,
איז דער מלך געוואָרן אַ זינגער אויף זיין וועג.

און דער מלך האָט אויסגעטאָן די רייכע קליידער,
די קרוין די גילדענע פאַרברענט;
די שווערד פאַרביטן פאַר אַ געגנדזן־פעדער,
און אַ פראָסטן שטריק אַרום די לענד...

און דער מלך איז געגאַנגען און געגאַנגען,
די זון פון מדבר האָט געברענט זיין צונג;
ער האָט זיין דורשט געלאָשן מיט געזאַנגען —
פאַרן גומען איז וואָרט געווען אַ טרונק.

איז ער געקומען אין אַ וואַלד מיט וועלף און לייבן,
זיי דורכגעשטאָכן מיט זיין שאַרפן בליק;
ער האָט געקאָנט דאָס לשון פון אַלע פייגל ריידן —
פון טיגער און לעמפּערט, פון הירש און ציג.

פון זיין פאַסטעך־פייפל כישופן געזאַנגען,
און געטאַנצט פּאַיאַציש מיטן קלענסטן צווערג;
נאָך זיין ליד זיינען קינדער נאָכגעגאַנגען —
ווי נאָך „פּאַיד־פּאַיפּער" אין די היילן פון די בערג.

ער איז צו אַלע ברעגן פון דער וועלט געקומען,
מיט זיין בליציק וואָרט צו יעדער פראָסטער שוועל;
ער האָט פרייד געבראַכט — צו יעדן שטומען —
דער שטאָלצער מלך אין זיין לייבן־פעל.

ער איז געגאַנגען דורך דונערן און בליצן,
דורך טייכן און דורך ימען מיט זיין ליד;
זיין וואָרט דרימלט אין די פעלזן־שפּיצן —
עס רוישן אין די כוואַליעס זיינע טריט...

## פאַרנעם מיינע רייד!

באַגעגנסטו אַ פּנים, נאָענט דיר און ליב,
אויגן — צוויי שונאים, ליפּן פאַרקניפּט...

הענט אין די טאַשן, פויסטן פאַרקלעמט;
דיין האַנט בלייבט הענגען אין לופטן פאַרשעמט...

קוקסט אינעם פּנים, שטאָלץ בלייבט דיין אויג;
גוף ווי געפּייניקט, ניט בויג זיך, ניט בויג.

גוף גיט אַ ציטער, אַזוי ווי אין פאַל,
אַ שעפּ טאָן די ליבשאַפט ווי פון אַ קוואַל...

ניטאָ מער די ליבשאַפט, שטיינער דער גרונט,
צעריסן, צעטראָטן דער מענטשלעכער בונד...

דו נאָנטער, דו ווייטער — ווער האָט דיך פאַריאָגט?
די ליבשאַפט — אַ שאָף, אַ וואָלף האָט פאַרצוקט...

די וועלט איז אַ דזשאַנגל מיט טיגער און וועלף,
ניטאָ מער די ליבשאַפט — האַס נאָר געוועלט...

וואָס זאָל איך טאָן? איך בין דאָך אַ פרוי —
געבוירן צו ליבן די ליבשאַפט אַזוי...

געבוירן צו פלאַנצן ווי אַ גערטנער די פרייד;
דו נאָנטער, דו ווייטער, פאַרנעם מיינע רייד!

# פענצטער

ס'איז מאָדנע שטיין אין אָוונט קעגן שיין,
אַ בליק טאָן אין די פענצטער שכנהשע אַריין.

פרויען, ווי אין גאָטעסדינסט פאַרטרויט,
גרייטן פאַרן הויזגעזינד אָוונט־ברויט.

ווייסער טישטוך אויפן טיש געשפּרייט,
די גאָפּל־לעפל אין צווילינגען געגרייט.

ווי אין ריטואַל די פרוי צום טיש געווענדט,
אַ גלעט דאָס ברויט מיט אירע מאַמע־הענט...

און ביים פענצטער שטייט זי דאָן פאַרגאַפט,
אַ גאַנצן טאָג איר מאַן אין שאַפ פאַרשקלאַפט.

און אַזוי שטאָק נאָך שטאָק. איך בליק אַריין
אין פענצטער — ליכט — זאָל אייביק ליכטיק זיין!

נאָר איין פּאָר פענצטער — פינצטער ווי די נאַכט,
איר מאַן האָט יונג די אויגן צוגעמאַכט.

גלאָצן פענצטער שוואַרץ און בלינד,
פאַריתומט דער טיש פון הויזגעזינד...

פאַרשעמטע קוקן שויבן אין דער נאַכט אַרויס,
שוואַרצע שפּיגלען יאָמערן עלנטקייט פון הויז...

זינג, מיין ליד, צו די פענצטער שכנהשע אַריין,
צו יענע פענצטער צוויי — זאָל דאָרט ליכטיק זיין!

# איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק

אַ קליינער צימער, טישן לאַנגע, שרייבער זיצן זיך אַנטקעגן,
אַ שמאָלער דורכגאַנג — ווער האָט צעטיילט אונדזערע וועגן?

לאָמפּן צאַפּלען — רערן ליכט ווי אָדערן צום פּלאַצן,
קעלנער ברענגען ברויט און טאָרט אויף פולע טאַצן.

ניט קיין אָפּגרונט — ניט קיין בערג — און ניט קיין צאַמען,
אָט זיצן שרייבער אין קליינעם חדרל צוזאַמען...

שפּיגלען שמעלצן שפּיגלען, ווי זילבערנע צווי טייכן,
בלויז איין ריר — הענט נענען זיך און גרייכן...

איך וויל אויסשטרעקן מיין האַנט דורך די שמאָלע טישן,
ווער האָט די פריינטשאַפט צווישן אונדז צעריסן?!

אין שפּיגל-בלענד איך טראָג זיך ווי אין בלויע פלאַנטאַמען,
אין שפּיגל-גלאַנץ איך זע דעם צער פון יעדן פּנים...

אַנטקעגן זיצט מיין לערער, זיינע ליפּן שטייף פאַרביסן —
זיין פּנים שעמעוודיק און רייף מיט יאָרן און מיט וויסן...

איך בין די אייגענע — עס האָט מיין ליד זיך ניט געביטן,
עס האָט די וועלט די גרויליקע שטיקער לייב פון זיך געשניטן.

האָב איך מיין ליד באַהעפט מיט אירע וואונדן —
און מיט דער נויט פון מענטש מיין לעבן ענג פאַרבונדן...

איך קוק אויף מיין לערער — זיינע שלייפן גרויער,
פון זיין פּנים גיסט זיך אַזאַ שטילער טרויער...

און דאָרט זיצן שרייבער מיט שלעסער אויף די ליפּן,
מיין בלויען בליק האָט שטומער שוויגן אויסגעמיטן...

און מען קוקט אַזוי אויף מיר — ווי אויף אַ פרעמדער —
ווי איך וואָלט געוועזן פון לבנס שאָף צווישן זייערע פעלדער.

ניין, איך בין ניט די פרעמדע שאָף צווישן יעקבס רינדער,
איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק — אַ קינד פון יעקבס קינדער!

# IV

# יידישע אויגן

טרויעריקע אויגן, צוויי נעסטן געפּאַר,
צוויי יידישע אויגן געבאָדן אין צער...

טויזנטער גזרות, דורות מיט ווײ,
צוויי יידישע אויגן אין שטומען געשריי...

דאָס פּנים בלייך, די ליפּן פאַרצוקט,
אין אַ ווייסן טלית שטייט ער און קלאָגט...

די אויגן — צוויי הירשן מיט שרעק אין אַ וואַלד,
די שטים: בטחון יאָמערט און שאַלט...

גזרות, פּאָגראָמען דורך לעבן און טויט,
די אויגן אין ספר אין שטומען פאַרטרויט...

אַזוי ווי דער ים וואָס האָט ניט קיין גרונט,
זיך טיפן צוויי אויגן און שליסן אַ בונד...

זיי מאָנען און האָפן און וועקן דאָס ליכט,
עס וועט קומען דער טאָג פון גרויסן געריכט...

און איך — אַן עדות פון מענטשלעכן פּיין,
צוויי אויגן — מיט טרויער: בעכערס מיט ווײן...

## מ. אַלגין

איך שטיי ביי דיין קבר אין שווייגן,
אויפן בית־עולם פון מענטשלעכן סוף,
אין שאָטן פון האַרבסטיקע צווייגן
און וועק דיך: שטיי אויף פון שלאָף!

עס איז אַ צייט ניט צו רוען
אין קבר פון דריי־איילִיקע ווענט,
אין פלאַמען זיך גיסן די שעהן,
די וועלט — זי ווערט איצט פאַרלענדט.

איך וועק דיך אין טאָג פון שגעון,
פון מבול און פייער און פלאַם;
אין רייען פון קעמפער! — דו, גאון! —
זון פון מיין פאָלק און מיין שטאַם.

איך וועק דיך אין טאָג פון געוויטער,
ביי דיין קבר אין ערדישן בעט;
עס רופן צעקלאָגטע געמיטער
דורך מיר פון די פעלדער און שטעט.

פון חרובע שטיבער און היימען,
פאַרטיליקט דורך האַנט פון פאַשיסט,
איך וועק דיך מיט טרויער־געוויינען
פון מיין היים, וואָס שטייט איצט פאַרוויסט...

אַזוי האָט מיין מאַמע גערופן
ווען טויט האָט געלויערט ביי מיין זייט;
שטייט אויף, איר אָבות, פון שלאָפן!
זאָל טויט ניט פאַרשניידן מיין לייב...

איך וועק דיך פון שלאָף, מיין חבר,
מיט גראָז איז באַדעקט דיין געזיכט;
די וועלט גלוטיקט אין לאַווע —
אין געראַנגל נאָך אייביקן ליכט...

# צו אייזיק ראַבאָי אין סאַניטאַריום

ס׳איז פרילינג אין הויף, עס שמעקט שוין מיט מאַי;
איך גיי איצט אין הויף דיין פענצטער פאַרביי.

עס גיט מיך אַ צי דאָס פענצטער אין הויף,
איך הויב מיינע בליקן צו דיינע שויבן אַרויף.

דיין פענצטער פאַרהאַנגען, דיין פענצטער איז טויב;
אַ געלער ראָלעט פאַרדעקט איצט דיין שויב...

איך רייס דעם ראָלעט אַראָפּ מיט מיין בליק,
איך בינד מיינע בליקן, ווי זילבערנע שטריק...

דאָ איז קיין נייעס אין הויף ניט פאַראַן,
דער רוגז טריפט נאָך צוביסלעך דעם סם...

די שכנים זיך יאָגן אין אויפגאַנג פון טאָג,
גאַנץ פרי צו דער אַרבעט צו כאַפּן דעם צוג.

צוויי ווייבעלעך האָבן געבוירן אַ פּאָר...
אַזוי אייביק ציט זיך דער מענטשלעכער דור.

די קליינינקע קעצעלעך זיינען שוין גרויס,
מיט זייער געקוויטש פאַרטויבן דאָס הויז...

מיין טאָכטער אַ מויד, מיט ברוינע צוויי צעפּ;
זי יאָגט זיך נאָך זיי אַראָפּ פון די טרעפּ...

אַזוי איז קיין נייעס — די קוסטעס מיט צוויט,
מיט גאָלדענע אייגלעך די צווייגן צעבליט.

דיין שויב איז פאַרהאַנגען, די זון קוקט אַריין;
פלאַטערט מיט שטראַלן — און קאָן ניט אַריין...

אַ גרוס דיר, ראַבאָי, פון דיין הויף, פון דיין היים:
אוי, גיכער געזונטער, קום שוין צוגיין!

דער פּאַרק און די ביימער, זיי וואַרטן פאַר דיר —
זאָלסט קומען צוריק צו דיין שטוב, צו דיין טיר...

# אברהם מאַניעוויטש

זיין פּנים יידיש, אומעטיקע אויגן,
שוואַרץ און אומרואיק ווי הירשן צוויי;
ער האָט ליב געהאַט דעם רעגנבויגן,
ביימער, בערג, און שטיבעלעך מיט שניי.

פונעם חורבן — די געטאָ־ווענט אויפגעהויבן,
ווי קראַנקע אברים די חורבות אויפגעשטעלט,
און מיט הייליק־האַפנדיקן גלויבן
די ביינערדיקע ציג געבראַכט דער קראַנקער וועלט.

אין די לעצטע טעג פאַר זיין שטאַרבן,
זיך באַהעפט מיטן זון־פאַרגאַנג, —
אינעם האַרבסט פון פייער, אויסגעשפּילט די פאַרבן,
פאַרכישופט זיי אין אייביקן געזאַנג.

ווען זיין פּינזל איז פון האַנט אַרויסגעפאַלן,
די אויגן זיך געראַנגלט מיטן ליכט —
האָט אים גאָט אַליין געשענקט די לעצטע שטראַלן
און אויסגעלאָשן זיין אויסגעפּיינט געזיכט...

פון זיין ווערק אַ ליכטיקייט איז אויפגעגאַנגען
און שטיל געלויכטן מיטן אָוונט־רויט;
די זון וואָס ער האָט אין בילד געפאַנגען,
האָט אַראָפּגעקוקט אויפן מייסטערס טויט...

# אַבאַ שטאָלצענבערג

אַ גאַנצן טאָג איך קאָן קיין רו געפינען,
איך טראָג אַוועק זיך אין אַ וואַלד אַ גרינעם.

דער זומער פּיבערט מיט עפּל רויטע, פולע,
ווי אויף יעדן בוים זאָל הענגען אַ לבנה.

און דו, אַ שמשון מיט דיין יונגער גבורה,
מיטן קאָפּ צו די הימלען בלויע, קלאָרע,

ווי אַ קוואַל, וואָס שלאָגט מיט וואַסער קאַלטן —
קאָנסטו ניט דיין געזאַנג באַהאַלטן.

ווי אַ כישופמאַכער נעמסטו לידער שפּינען,
און איך הער, און הער אינעם וואַלד דעם גרינעם...

— — — — — — — — — — — — — — — —

חבר מיינער, אויף אַן ערד ווי איך געבוירן,
ווי פיל טויטן האָבן שוין פאַרנומען דיינע אויערן...

חבר מיינער, אין שפּיטאָל אין אַנגסטן דיינע פינגער,
אַ יונגסטער צווייג — פון אַ דור פון זינגער...

פון משה־לייב — דעם לייב פון אונדזער יידיש לשון,
זיין לעבן אין מדבר פון ניו־יאָרק פאַרלאָשן...

וואָס האָט געפויקט אויף אונדזער חורבן מיט די טאַצן,
ביז זיין פידל־האַרץ געמוזט האָט פּלאַצן...

משה־לייב געבענקט ווי איך און דו, נאָך די קינדער־יאָרן,
דו חלומסט אויך אַמאָל, אַמאָל אַהיימצופאָרן

און דאָרטן אין טייכן פאַנגען אַלע שטערן,
מיט דיינע אויערן דאָס געזאַנג פון נייעם לעבן הערן...

חבר מיינער, עס ברענען דיינע אברים און ווייטיקן אין פיבער
ווי גוטע שומרים ביי דיין זייט — וואַכן דיינע לידער...

# דער לעצטער פון אַ דור
(אין אָנדענק דר. ניומאַן)

איך האָב באַגלייט דעם לעצטן גאַנג,
דעם לעצטן ייד פון אַ דור;
דר. ניומאַן, וואָס האָט געלעבט
פולע אַכט און זיבעציק יאָר.

ער איז געבוירן אין מיין ווייטער היים,
אין מאָנאַסטרישטש איז זיין וויג געשטאַנען;
עס האָט אַ מענטש זיין געביין
איבערגעפלאַנצט דורך ווייטע ימען...

ער האָט געשטאַמט פון מיין שטאַם,
מיט מיין יידן געגאַנגען אין חדר;
ווי מאָדנע זען אין קאָפּע ראַיאַל
דאָס צווילינג־פּנים פון מיין יידן...

דער זילבער־קאָפּ מיט גרויע האָר,
די שיינע קלוגע גרויע אויגן —
ווי קומט דער לעצטער פון אַ דור,
איבער אַ בוך אין „ראָיאַל" געבויגן?

ווי מיין יידע מיט אַן עדה יידן,
מיט בערד געשפּיזט צום בורא;
פלעגן שרייבער ווי יענע חסידים
אַרום זיין טיש שעפּן תורה...

מיין יידנס גוף אויף יענער זייט —
שוין לאַנגע יאָרן ליגט באַגראָבן;
ער שלאָפט דאָרט זייט ביי זייט,
צווישן זיינע אָבות קברים...

איך האָב דעם לעצטן גאַנג באַגלייט,
דעם לעצטן דור פון מיין יידן;
עס האָט דער ים זיי אָפּגעשיידט —
און די ערד פאַראייניקטביידן...

# די שפּיל גייט אָן!

א מתנה דער שוישפּילערין ליליען בלום,
און איר יונגן טראַגיש־אומגעקומענעם
ברודער־סאָלדאַט — אויפן וועג אַהיים
אויף אורלויב.

דיין ברודער איז געשטאָרבן אויפן וועג אַהיים —
דו שפּילסט היינט טעאַטער — די שפּיל דאַרף ווייטער גיין...

די וועלט איז איצט אַ בינע — פון לעבן און פון טויט;
די שפּיל גייט אָן — דער הימל בלוטיקט רויט.

דיין ברודער איז געפאַלן — צעשמעטערט זיין געביין,
זיין קערפּער קומט אויף אורלויב צוריק צו זיך אַהיים.

דו ציסט זיך צו דיין ברודער, דו זעסט אים איצט אין זאַל,
אין שימער פון די מענטשן־קעפּ דו גיסט צו אים אַ פאַל...

דו שוועבסט איצט צו די שינעס אין דער שטורעם־נאַכט,
די באַן, זי ליגט צעשמעטערט — גופים ווי אויף אַ שלאַכט...

פון די חורבות טויטע דו הויבסט דיין ברודער אויף,
טראָגסט אים אויף די הענט — אויף דער בינע איצט אַרויף...

דו שלאָגסט צוריק די פלאַמען, וואָס לעקן זיינע הענט,
דו קושסט דיין ברודערס פּנים — ער האָט דיין שטים דערקענט.

דו וועקסט אים אין זיין חלום: ברודער, ברודער מיין!
צו גאָלדפאַדנס שפּיל — געזאָלט האָסטו היינט זיין...

דו שפּילסט פאַר אים טעאַטער — בלויז פאַר אים אַליין;
פון דיין קול — ווי פון אַ פלייט, עס שלאָגט אַ ים געוויין...

דו שוועבסט ווי אין אַ חלום, גאָלדפאַדן קוקט אַראָפּ פון בילד,
ווי אַ כישוף־פידל האָסטו דיין צער צעשפּילט...

און די „באָבע יאַכנע" גיט דיר אַ פראַשעק איין;
און „גאָלדפאַדנס חלום" — זאָל עס אַ חלום זיין...

פון די אַלע העלדן ביסטו היינט אַליין אַ העלד:
האָסט פאַרשפּילט דיין אומגליק אין אַ חלום־וועלט...

# דאָס טויטן־העמד

אויפן בעט צונויפגעלייגט
ליגט דאָס העמד, דאָס טויטן־העמד.
פון הייסע טרערן דורכגעווייקט
און אַלטע הענט אויסגעגלעט.

אַמאָל האָט זי עס אויפגענייט,
און די שפּיצן אויסגעהאפט;
איצט ליגט עס שטענדיק גרייט,
אויפן טויטן גוף עס וואַרט.

אַלע נאַכט פאַרן שלאָף
זי נעמט צו זיך דאָס ווייסע העמד;
עס וועט איר צודעקן דעם גוף,
עס וועט איר לייב ניט זיין פאַרשעמט.

היינט בין איך אַריין צו איר,
זי האָט מיך אָנגעקוקט שוין פרעמד;
אַרום איר מויל, ווי שוים פון ביר —
זי האָט געבעטן דאָס טויטן־העמד.

זי האָט גערעדט פון היץ געוויס,
ווי אַ כלה אויסזען קלאָר,
איך זאָל איר אָפּוואַשן די פיס,
איך זאָל איר אויסקעמען די האָר.

איך זאָל איר אָנטאָן דאָס ווייסע העמד,
זי וויל זיך זעגענען מיט מיר;
דאָס אייניקל אויף מיינע הענט
איך זאָל צוטראָגן צו איר.

זי האָט זיך אָפּגעטיילט פון וואָר,
געזען זיך אין איר כלה־שלעף;
דורכגעהיפּט די זיבעציק יאָר,
ווי אַ קינד, וואָס לויפט אַראָפּ די טרעפּ.

מיט דער ווייט זי ווערט באַהעפט,
זי שווימט צו אירע קינדער־יאָר;
אויף איר לייב דאָס ווייסע העמד,
ווי אַ שלייער בלענדיקט קלאָר.

איר גוף פון קינדער אויסגענאָגט,
די הענט פון אַרבעט אויסגעצערט;
עס האָט די פינצטערניש מיטגעקלאָגט,
עס האָט העמד צום לייב זיך אומגעקערט...

# גרשון־לייב

גרשון־לייב, אַכציק יאָר, איז פּלוצלונג יונג געוואָרן;
אויפֿן לאַנד, ביי זיך אין שטוב, זיינען הינדעלעך געבאָרן.

גרשון־לייב האָט טעכטער, זין, זיין ווייב איז אין גן־עדן,
פֿאַרגלוסט זיך אויף דער עלטער אים, הינדעלעך, דעם זיידן...

ער האָט אייניקלעך — מאַטראָסן, אויף שיפֿן, עראָפּלאַנען —
זיין שטאַם האָט זיך צעצווייגט איבער אַלע ימען...

פֿרי קאַיאָר, שטייט ער אויף, ווען טוי איז אויף די גראָזן,
די שוואַרצע קליינע הינדעלעך אין טומל זיך צעלאָזן.

ער טראָגט אַריין דאָס האָלץ פֿון הויף, נעמט דעם אויוון הייצן,
וואַרפֿט זיי קליינע קערנדלעך, דאָס שטיבל צו פֿאַרפּלייצן...

פֿריילעך ווערט אין שטיבל אים, זיי צווּיפּטשען ווי די פֿייגל,
די קוטשעראַווע הינדעלעך ווי קינדער זיינע אייגן.

טוט ער טלית־תּפֿילין אָן, פֿאַר זיינע קינדער בעטן —
דאַווענען הינדעלעך מיט אים, ווי אין אַ מנין פֿרעפּלען...

די קאַץ די גרויע ליגט ביים שוועל און קוקט דורך אַ שפּאַרע,
זי שמעקט די וואַרעמקייט פֿון שטוב, די הינדעלעך קוטשעראַווע.

גרשון־לייב ווינקט צו איר, מיט אַ שטומער מינע,
ער טאָר ניט אויסריידן אַ וואָרט — אינעם מויל אַ תּפֿילה...

רייסט זיך פֿון זיין האַלדז אַרויס: „אַ קאַטאַ! אַוועק פֿון דאַנען!"
די קאַץ, די קלוגע, פֿאָלגט אים גלייך, זי האָט אים פֿאַרשטאַנען.

גרשון־לייב האָט טעכטער, זין, נאָר אַלע זיך צעפֿאָרן,
איז ער געבליבן מיט די הינדעלעך אויף די אַלטע יאָרן...

# אַ גרוס דיר, איציק פעפער!

פון די גרינע סאָסנעס, פון די שלאַנקע צעדער
שיק איך דיר אַ גרוס — איציק פעפער.

אַזאַ שטילקייט דאָ, איך שעם זיך דיר דערציילן,
בערג און הימל — ניט אָפּצוטיילן...

זאַנג אויף זאַנג אין כוואַליעס אויסגעבויגן,
עס שפּילט דער ווינט אויף זיי מיט זיין פידל־בויגן...

יעדע שעה פון טאָג איך קאָן אין שטילקייט הערן,
עס בלוטיקט איצט אַ וועלט אין פייער און אין טרערן...

איך האָב היינט טויזנט מאָל דערמאָנט דיין נאָמען,
זיי געבענטשט, וואָס ביסט צו אונדז געקומען.

וואָס־זשע האָסטו מיר געבראַכט, מיין ברודער דיכטער,
פון מיין היים דער געשלאָגענער, פאַרוויסטער?

פון מיין געפּייניקט פאָלק אונטער קנוט פון שניטער,
פון מיין מאַמען, פון מיינע שטאָלצע ברידער?

אויב איך קום דיך ניט באַגעגענען — האָב ניט קיין פאַראיבל,
איך לאַד דיך איין, דו גרויסער גאַסט ,אין מיין קליינעם שטיבל.

פאַר דיין כבוד אָפּבאַקן די בעסטע טאָרטן,
דיר געבן פרישע ציבעלעס פון מיין גרינעם גאָרטן.

מיין טאָכטער וועט דיר מיטגעבן איר ליאַלקע־נאַנע,
פאַר דיין טאָכטער — פון אַמעריקע אַ מתנה.

זאָל דיין שליחות דאָ אין לאַנד ווערן הייליק אויפגענומען,
זיי געגריסט, דו גרויסער גאַסט, וואָס ביסט צו אונדז געקומען!

# ברענג אַהיים אַ סאָלדאַט

גיי אַרויס אויפן גאַס, זע אַ מענטש נע־ונד,
ברענג אַריין אין מיין שטוב אַ סאָלדאַט!

מיין יום־טוב טיש איז היינט ווי פאַרשעמט:
זיין פון מיין שטאַם, זיי וואָלגלען אין פרעמד...

ס'איז יום־טוב, עס ציט זיך אַ פרילינג־פּאַראַד;
אין מיין היימישער שטוב ברענג אַריין אַ סאָלדאַט...

ווי זיין מאַמע איך וועל פאַר אים גרייטן די פיש,
משפחהדיק נאָענט — ביים יום־טוב טיש.

זאָל ער פילן די ליבשאַפט פון אַ וואַרעמער היים,
ווי ער וואָלט אין דער שטוב פון זיין מאַמען געווען...

גיי אַרויס אויפן גאַס, ברענג אַריין אַ סאָלדאַט,
אים געבן וויין און טאָרט צו דער זאַט.

זאָל ער האָבן אַ וואַרעם געלעגער ביינאַכט,
ווייל מאָרגן גייט ער אַוועק צו דער שלאַכט...

ווייל ער קערט זיך אום מאָרגן צו זיין רעגימענט;
זאָל ער נעמען דעם יום־טוב — מיט זיך אין דער פרעמד.

איך וועל אים באַגלייטן מיט ציטער אין בליק,
ווי זיין מאַמעס אויגן אויפן וועג צו זיין זיג...

# אינאײנעם

די שכנים פון די שלום־עליכם
הײזער אין אַ „בלעקאַוט״

פון לינק און פון רעכט,
פון װײס און פון שװאַרץ,
מענטשן געטוליעט אינאײנעם,
אין פינצטערע נעכט —
שלאָגט אײניק דאָס האַרץ,
אין קעלער פאַראײניקטע שכנים.

ס׳איז פינצטער די שטאָט,
אַלע פענצטער מיט נאַכט,
מענטשן באַהאַלטן אין לעכער;
שיכור װי לוט,
לבנה צעלאַכט —
שװימט אַלץ העכער און העכער.

זי לאַכט פון קאַנאַן,
פון שװאַרצקײט און רױך;
אין גאָלדענעם שטערן־געװימל —
פון אײביקײט אָן —
זי װאױנט אין דער הױך
און װעט ניט פאַרלאָזן דעם הימל...

די לבנה — זי קװעלט,
איבער נאַכטיקער װעלט —
נעמט מיט די שטערן מושטירן.
אין רײען צעשטעלט,
װי זעלנער צעהעלט —
די שטערן — קנעפּ פון מונדירן.

ס'איז ליכטיק די נאַכט,
און פינצטער דאָס הויז,
עס זשומען אין לופט עראָפּלאַנען;
לבנה, מיט ביטול, זי לאַכט
די קליינע מענטשעלעך אויס —
אין קעלער געטוליעט ווי לאַמען.

אַלע דאָ גלייך, —
ווי פיש אין אַ טייך,
אין פינצטערן פחד געבונדן.
אָרעם און רייך,
אין קעלער באַגלייך —
דער טעגלעכער האַס פאַרשוואונדן...

אין קעלער באַנאַנד,
וואַנט לעבן וואַנט,
זיצן די שכנים געברידערט.
אין פינצטער געשפּאַנט,
איין האַרץ שלאָגט באַנאַנד
אין טויט־שעה פאַרגלידערט.

# צוויי אַרבעטער־ברידער

האָסטו געהערט פון אַ יום־טוב, מיין ליבער?
אַזאַ יום־טוב ביי אַ לאַבן ברויט,
צוויי הענט פון אַרבעטער ־ברידער,
שליסן ביים טיש זיך צונויף.

צוויי הענט פאַרפרעמדטע דורך יאָרן,
טראָגן צייכנס פון שניט,
האָבן געשליפן דעם צאָרן —
איצט גיבן זיך שלום און פריד.

צוויי הענט בעטן זיך איבער,
דאָס מעסער דרימלט ביים זייט,
ווי עס וואָלט שלאָפן אַ מידער —
פון שפּיזיקן האָס זיך באַפרייט.

מיט אַרונטערגעלאָזטע ברעמען,
יעדנס פּנים שווייגט;
ברודער נעמט ברודער דערקענען —
פינגער מיט פינגער פאַרצווייגט.

האָסטו געהערט פון אַ יום־טוב, מיין ליבער?
עס טאָגט שוין אין בלוט אונדזער צייט.
צוויי הענט פאַרשלומטע ווידער,
האָבן פון האָס זיך באַפרייט.
— — — — — — — — — — —

דער שונא וואָס האָט געוואונען,
ביים טיש פון בלוטיקער צייט,
טרעט נאָך אויףביידנס פּאַנען;
האַלט נאָך זיין מעסער גרייט!...

# ביים טיש

איך וויל זינגען לידער דיר פון נויט
און פאַראייביקן אַ סך פון דיינע טאַטן;
איך האָב געזען אַ טיש אַ נאַקעטן אָן ברויט,
און אַ טיש מיט כל־טוב — אַ טיש אַ זאַטן.

צעשוימטע גלעזער אין ווייסע הענט,
רויט געפינקלט מיט וויין מיט קלאָרן;
אין די אויגן האָט אַ האַס געברענט,
ווי עס ברענט אין מדבר אַ הייסער דאָרן...

ביים טיש, ביים נאַקעטן עס שווייגט אַ מענטש
מיט אַ ווייסער באָרד פון אַ זקן;
ער האָט דעם הונגער דורך די ציין געבענטשט,
מיט ליפּן דורשטיקע און טרוקן.

אין זיין אויג — אַ מאָדנע ליכט,
אַ פונק וואָס גליט דורך טיפסטע פּיינען;
איך האָב איינגעזאַפּט דאָס שטיל געזיכט,
וואָס האָט ביים הונגער־טיש גענומען שיינען...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט שטייפן טראָט,
ווי ער וואָלט באַזיגט אַ בייזן טיגער;
דער זאַטער — האָט נאָכגעקוקט מיט שפּאָט
און ער — אַוועק אַ שטאָלצער זיגער...

# אויך מיין זון וועט זיין שטאָם ניט פאַרשעמען

וויִ קאָן איך טרייסטן אייך, מאַמעס ?
אַז טרייסט דאַרף איך איצט אַליין ;
ווי קאָן איך טרייסטן אייך, מאַמעס ?
אין פלאַם גייט אויך מיין געביין...

ווי קאָן איך טרייסטן אייערע געמיטער ?
מיין געמיט — איין שטיק געוויין ;
איך זע דעם ווילדן געוויטער,
וואָס יאָגט זיך נאָך מיין געביין...

ווי קאָן איך זינגען איצט לידער ?
בלויז בייסן אין ווייטיק די ציין —
אויפן מזבח מיר שיקן אונדזערע קינדער
און מיר הייסן אַליין זיי נאָך גיין...

מיטן מוח איך וויל אַלץ באַנעמען —
דאָס פייער קאָן זיך ניט לעשן אַליין ;
אויך מיין זון וועט מיין שטאָם ניט פאַרשעמען
און קעמפן פאַר אַ פרייערער היים...

ווי קאָן איך טרייסטן אייך, מאַמעס —
אַז טרייסט דאַרף איך איצט אַליין ?
איך בין דאָך ווי איר אַ מאַמע —
וואָס שיקט אין פלאַם איר געביין...

# וויין ניט, מאַמע!

(חנהלען)

וויין ניט, מאַמע, וויין ניט, האַלט צוריק די טרערן,
ס'איז די וועלט אַ ים מיט צער, פאַרפלייצט צו ווערן.

וויין ניט, מאַמע, בייס די ליפּ ביז בלוט אין שווייגן,
גיי אין וואַלד און בעט אין שטילקייט פון די צווייגן.

וויין ניט, מאַמע, גיי און גיי, און צייל די שטערן,
זיי הענגען פאַרגליווערטע — דאָס זיינען מאַמעס טרערן...

אויפן הימל־נעץ פון דורות פּיין פאַרגאַנגען —
ס'האָט די אייביקייט זיי אין דער נאַכט צעהאַנגען...

קוש די טריט אין גרינעם וואַלד, וואו דיין קינד איז אומגעגאַנגען,
זינג אויס די בענקשאַפט צום העלד דיין זון, אין געזאַנגען.

וויין ניט, מאַמע, ביסט נישט אַליין — אַלע מאַמעס וויינען,
ס'וועט דיין זון דיר אָפּצאָלן — פרייד פאַר אַלע פּיינען.

# טעג

ערגעץ נאָנט וואַרטן טעג אויף די וועגן —
טעג, געשפּייזטע פון נויט.
זיי קומען, זיי קומען אַנטקעגן
מיט ליכטיקע בשורות פאַרטרויט.

זיי קומען פון שנייאיקע לענדער
מיט געזונטע און הילכיקע טריט;
מיט יונגען אין וואַכיקע העמדער,
מיט פויסטן אין פייער געשמידט...

טעג — קוזניעס צעגליטע,
דאָס פייער לויכט העל און פריי;
די שמידן פון נויט אויסגעשמידטע,
פורעמען די וועלט פונדאָסניי...

עס קומען אָן ליכטיקע צייטן,
טראָגן זיך איבער דער ערד,
אויפן ווינט פון שטאָלענע פלייטן,
אויפן שאַרף פון בלאַנקן שווערד...

טעג זוניק און לויטער,
שמעקן מיט ברויט פולע קערב;
דאָס וואַרט אויף אַ פּאָן אַ רויטער
שניידט מיט אַ ליכטיקן סערפּ...

עס וועט זיין אַ יום־טוב פון פאָנען,
ביי אַ ריזיקן טיש אַזאַ פעסט —
די וועלט — אַ פריידיקער פּנים,
אַלע פעלקער היימישע געסט...

# טעכטער פון דער נויט

זיי טראָגן ניט קיין אָרעמבענדער,
זייערע הענט מיט קאַרבן פון דער קיך;
פון פראָסטן לייוונט זייערע העמדער,
און מיט לאַטעס זייערע שיך.

זיי קומען אָן פון אַלע לענדער,
זיי ליבן הייס, פראָסט און שיין.
זייערע ליפּן — פלאַמענבענדער,
זייערע אויגן — לאַגלען ווײַן.

זיי הויבן אויף זיך פון די מיסטן,
שטאַרק און זיכער זייער גאַנג;
און עס פליגלען זייערע בריסטן
מיט יונג ווײַבלעכן געזאַנג...

זיי קאָנען ניט די שפּראַך פון ביכער,
זייער וואָרט — געשמאַק ווי ברויט;
זיי טראָגן בלומענדיקע טיכער,
זיי זײַנען טעכטער פון דער נויט...

# רויטע קאַוואַלעריע

רויטע קאַוואַלעריע מיט די בלאַנקע שפּיזן
טראָגט זיך איבער הימלאַנד, שלאַנקע ריזן.

טראָגט זיך איבער פעלדער, טראָגט זיך איבער וועגן,
רויטע קאַוואַלעריע — דעם נייעם ליכט אַנטקעגן.

העי, דו גוטער דניעפּער, העי דו זילבער דניעסטער,
העי, דו בלויער דונאַי — צעכוואַליעטער אָרקעסטער.

רויטע קאַוואַלעריע פליט דורך שטעט און שטעטלעך,
רייניקט אָפּ די ערד פון די דייטשע רעשטלעך.

רויטע קאַוואַלעריע שווינגט די ערד אין ציטער,
ראַטעוועט מיין פאָלק פון די נאַצי־שניטער.

רויטע קאַוואַלעריע שוועבט ווי ווינט געשווינדער,
ראַטעוועט פון טויט די מאַמעס און די קינדער!

שטורעמדיקע רייטער, נעמט הייליקע נקמה —
היטלערס קאָפּ טראָגט אויף אַ שפּיז — דייטשלאַנד אַ מתנה...

## דער פרייהייט־גלאָק

דער גלאָק איז פאַרגליווערט און שטום,
זיין ליפּ צעשפּאָלטן און הויל;
ער שווייגט אין פאַרשטיקטן געברום,
די צונג פאַרשטומט אינעם מויל...

דער היסטאָרישער זאַל — ווי אַמאָל,
אין ציגל, אין מאַרמאָר, אין שטיין.
וואַשינגטאָן, וואָך אויף פון דיין שטול,
טו אָן אין פלייש דיין געביין...

אין שטילקייט שלאָגט נאָר דיין האַרץ,
אין גלאָק עס דרימלט דיין קול;
דיין אָרעם־שטול — קוילן־שוואַרץ,
פון מילבן צעפרעסן די וואָל...

דיין שטול פאַריתומט ביים וואַנט,
אַט ביסטו ערשט דאָ געווען —
אויפן טיש שוועבט נאָך דיין האַנט,
אין טינטער — דיין פעדערנע פען...

אַט הויבט זיך אויף דיין געשטאַלט,
דו שפּרייזט צו דעם פרייהייטס־גלאָק,
דער גלאָק ווידער ער שאַלט —
און רופט צום ליכטיקן טאָג...

וואַשינגטאָן, דער הויפּט־קאָמאַנדיר,
מיט די גרויע זילבערנע האָר, —
ער שטייט אין קריגער־מונדיר,
און קלינגט צו אַ גלאָררייכן דור...

און ער וועקט דעם פרייהייט־גלאָק:
„די וועלט איז פינצטער און שוואַרץ...“
דורך יעדן צעדונערטן שלאָג
קלינגט אַפּ דאָס מיליאָניקע האַרץ...

עס רופט דער פרייהייט־ריז,
ער קלינגט דורך בלוטיקן ים,
צערייסט די קייטן אויף פיס —
עס ענטפערט דער „נאָטרדאַם״ ;

איך זע אַ ליכטיקן דור,
איך הער אַ פעלקער־געזאַנג ;
עס קלינגען גלעקער אין כאָר,
אין פרידלעכן גלאָקן־געקלאַנג...

דער פויער שפּאַנט ווידער זיין פערד
און גייט צום פעלד מיט געזאַנג ;
דער אַקער בייסט ווידער די ערד
אין ריטם פון גלאָקן־געקלאַנג...

קינדער זיך שפּילן אין טייך,
מיט זעגלען פאַרצויגן אין ווינט ;
אַלע מענטשן זיינען באַשאַפן גלייך,
אין דזשעפערסאָנס חלום פאַרשפּינט...

דאָס מיידל ביים מילך־שעפּ, זי זינגט,
דער פויגל — ער ענטפערט אין וואַלד ;
דער פרייהייט־גלאָק ווידער ער קלינגט
מיטן גייסט פון וואַשינגטאָנס האַנט...

און זעלנער אויף יעטוועדן ראַנד ;
זיי הערן דעם קלאַנג פון דער וויט, —
די פאָנען מיט שטערן אין האַנט,
צום בלויען הימל געשטרייפט...

— — — — — — — — — — —

און פלוצלונג — איך גיב זיך אַ וויג
און קוק אויפן גלאָק פאַרשעמט :
מיין לאַנד בלוטיקט אין קריג,
די צונג ביים גלאָק פאַרקלעמט...

# V

# אין ליבשאַפט

## א.

דאָס ווייסע שטיק פּאַפּיר ליגט אָפן.
די אותיות גליען נאָך אין האַרץ;
אָט באַלד, שליסן זיך די סטראָפן,
ווערטער אָנגעקליידט אין שוואַרץ.

דאָס ליד וואָס איך האָב אויסגעחלומט,
עס ליגט פאַרטרונקען נאָך אין קוואַל;
דעם טאָג וואָס איך האָב אויסגעשלומט,
ער דונערט אָפּ נאָך איצט אין קנאַל...

דאָס וואָרט וואָס איך האָב אויסגעלייזט,
דורך פּיין און ליידן אויף דער וואָר;
מאָדנע איז די צייט פאַרגרייזט,
ווי יונגער פּנים מיט גרויע האָר...

## ב.

ס׳איז ניט דאָס פינקלדיקע גלאָז,
ס׳איז דער רויטער ווין דערינען;
דאָס הייסע מויל וואָס לעשט עס אויס
און ווערט אין טרוים אַנטרינען.

ס׳איז ניט דער שטיין וואָס בליצט
און פינקלט מיט רובינען,
ס׳איז פון ווייסע ציין דער קריץ,
אין אויפגאַנג פון באַגינען...

ס׳איז ניט דאָס שניידנדיקע וואָרט,
ס׳איז דער טיפער זינען;
דער שפּילער וויל אין שפּיל פון קאָרט,
פון זיין צער אַנטרינען.

דער שיכור וויל אין בלינדן טרוים,
אינעם ספּירט זיך שפּינען;
דער וואָרצל וויל דורך שטאָם פון בוים,
אין בלעטער ווידער גרינען...

ווי צום גרונט דער טויכער טויכט,
דעם אויסטער צו געפינען;
די פּערל שלאָפט אין קראַנקן בויך
און בלויט מיט גלאַנץ פון הימל...

און מענטש — ער ברענט אין שטומען ליד,
און קאָן פאַרברענט ניט ווערן;
ער איז דאָס אייזן און דער שמיד —
שמידט לידער פון די טרערן...

ג.

אַ וואָרג מיך ניט, לעבן, ווי אַ טכויר זיין הון,
לאָז מיך נאָך בענטשן דיין ליכטיקע זון.

שטראָף מיך ניט, לעבן, איך רוף צו דיר, רוף,
איצט בין איך דער קרבן פון היטלערשער שטראָף...

בין געווען אין פייער — אַ לעבעדיקע ארויס,
איצט ברענט דער דאַך פון מיין אייגענער הויז.

ניט נאָר מיין דאַך — מיין שכנס ברענט אויך —
די גאַנצע וועלט פלאַמט אין פייער און רויך.

מיין דור איז פאַרווישט אויף אַש און אויף קויל,
איך פיל איצט דיין חלף אויך נאָנט צו מיין מויל.

אַ וואָרג מיך ניט, לעבן, ווי אַ טכויר זיין הון,
לאָז מיך נאָך בענטשן דיין ליכטיקע זון...

## ד.

איך בין אין שענסטן ווינקל פון וועלט
צווישן הימל און פייגל־געזאַנגען;
מיט בלומען באַבלומט איז דאָס פעלד,
די טאָלן צעכוואַליעט אין זאַנגען...

אין דער ליכטיקער זון — איך זע בלוט,
עס שטראָמען בלוטיקע טייכן;
אין די שטראַלן איך זע אַ פּאַראַשוט,
וואָס זייט מיט מענטשלעכע לייכן...

דעם שענסטן יאָרהונדערט האָט מענטש געבויט,
און האַלט נייע וואונדער געבערן;
פון וואונדער פורעמט דער טויט,
דעם מענטש — זיין באַשאַף צו צעשטערן...

איך בין אין שענסטן ווינקל פון וועלט,
אין גן־עדן פון ליכטיקן זומער;
פונעם גרינעם פאַרכישופטן פעלד,
שרייט טיפער דער מענטשלעכער יאָמער...

ח.

דער פרילינג זינגט מיט גראָז און קנאָספּ,
עס בליט די וועלט — פאַר וועמען?
דאָס גראָז ברעכט דורך די ווענט פון פראָסט,
איך טראָג די חרפה אויף מיינע ברעמען...

די ביימער צינגלען מיט קנאָספּן גרין,
און טראָגן לעבן — פאַר וועמען?
ווי עס טראָגט פייער אין זיך די שפּין —
איך טראָג די חרפה אויף מיינע ברעמען...

עס גרינט די ערד מיט נייעם צוויט,
מיט זון די ביימער פלעמלען;
לעבן איז מיט טויט פאַרקניפּט —
איך טראָג די חרפה אויף מיינע ברעמען...

ו.

דער בלויער טאָג איז אויפגעגאַנגען,
פון אַ פייער־אויוון איז די זון אַרויס;
אויפגעוועקט די הימל־ווענט מיט קלאַנגען,
די ליפּן האָט אויפגעמאַכט די רויז...

אַ בין אַ בייזע איז צוגעפלויגן,
אַ קוש געטאָן איר מויל מיט זאַפט,
און מיט האָניק אָנגעזויגן;
געבויט איר נעסט מיט נייער קראַפט.

אַ וועווריק איז אַראָפּגעשפּרונגען,
מיט הענטלעך שטומע אין געבעט;
די גאַנצע וועלט האָט אויפגעזונגען —
באַרג האָט זיך מיט באַרג צערעדט...

ז.

אַ בוים איז נאָך פאַראַן אויף ערד,
מיט בלעטער און מיט שטאַם;
פאַל צו צום בוים אומגעשטערט —
אַ בוים איז נאָך פאַראַן...

אַ בלום זי גרינט אין גראָזן־בעט,
און ווערט פון טוי געגערט;
די גוטע זון איר גוף זי גלעט
און גרינט זי פון דער ערד.

מענטש, הויב אויף דיין קאָפּ און גאַף,
באַהעפט זיך גליד מיט גליד;
לערן זיך פון גאָטס באַשאַף —
ווי ערד — האָב ליב, האָב ליב...

ח.

ס׳איז שפּעטע נאַכט, מיין גוף איז שניידיק,
איך רוף צו דיר, און רוף;
איך קוק זיך אום, מיין בעט איז ליידיק,
און עס ווייגט נאָך דיר מיין גוף.

איך קאָן דאָס יאָמער־ליד פון היימען,
דאָס ליגן־ליד פון מאַן און ווייב —
איך זע זיי אַלע אין זייערע פּיינען,
איך זע דעם טרויער אויף זייער לייב.

אין אַ וועלט פון זינד און ליגן,
וואַקסטו מעכטיקער פון דער ווייט;
זאָל מיין לעבן ריין זיין ווי אַ שפּיגל —
שטענדיק מיט דיר זייט ביי זייט...

## ט.

איך האָב אויסגעוואָרעמט אַזוי פיל ווערטער,
ווי אַ שוואַלב שוועלבעלעך צום פליִען
און ווי קערנער עס פאַרזייט אַ גערטנער
פאַרן מאָרגן אויפצובליִען...

מיינע ווערטער ווי אין מדבר ברענען,
פאַרטראָגענע אין ווינט, אין הייסן זאַמד,
ווערטער פּראָסטע זוכן דיך דערקענען,
פאַלן ווי שוואַלבן פאַרוואונדעטע צום ראַנד...

איך ליג דורך נעכט אין שטומען טראַכטן,
ווי אַ קעמל וואָס פאַלט אינמיטן גאַנג.
איך דאַרף נאָך דורכגיין אַזוי פיל שלאַכטן —
גיין וועל איך, געליבטער, מיט געזאַנג...

י.

איך וועל אייביק דיך באַגערן,
שטענדיק דורשטן — קיינמאָל זאַט;
אַ לעבן לאַנג דורך זון און שטערן,
זיין מיט דיר — אַ צווילינג־בלאַט...

אין מאָרגן־רויט און בלוי־באַגינען,
ווי דער אָדלער אין זיין פאַנג;
געליבטער, וועסטו מיך געפינען,
אין כאָר פון פיגלשן געזאַנג.

איך טראָג דעם האָניק, דעם גיפט פון בינען,
איך בין שיכור מיט דיר, ווי מיט וויין;
יעדער קלאַנג פון טאָג טראָגט אַ זינען —
מיט דיר צו פיבערן, מיט דיר צו זיין...

## יא.

פאַראַן אַ הונגער פון דיביימער,
דורשטיקן נאָך שטראַלן;
פאַראַן אַ הונגער פון די שטערן,
צו דער ערד צו פאַלן.

פאַראַן אַ הונגער פון די פייגל,
צו די ווייטע לענדער;
פאַראַן אַ הונגער פון די ווינטן,
רוישן אין די וועלדער.

פאַראַן אַ הונגער פונעם מדבר,
נאָך וואַסער קילן;
פאַראַן אַ הונגער — אַזאַ הונגער,
קיינמאָל ניט צו שטילן...

שיכור זיין און ניכטער ריידן,
מיט הייסן בליק באַזויפן;
ווי חוה אין גן־עדן,
מיט אָדמען צו לויפן...

## יב.

איך האָב געזען דיך, אויף איר פּנים קוקן...
קוק ניט, מיין מאַן, אויף קיין פּרוי ;
זי איז גרייט דיך ווי אַ טיגער פאַרצוקן,
מיט איר קעציש פלינקן געבוי.

זי איז גרייט דיר אַ וועלט צו פאַרקויפן,
זי איז ליגן אין בלענד אויפגעשיינט ;
זי איז פול מיט זינד אָנגעזויפן —
קוק ניט אויף איר — איך האָב זי פיינט...

זי איז לילית מיט טונקעלע אויגן,
וואָס פלעכט איצט איר נעץ מיט איר לייב —
היט זיך פון סמיקן בויגן
פון אַ פאַרליבטער אייפערזיכטיקער ווייב !

## יג.

איך האָב מיין האַרץ פאַרטויבט מיט גראַמען —
שטער ניט מיין רו ;
זיך אויסגעלאָשן ווי שניי אויף פלאַמען —
איך בין טאַבו.

קאָנסט קלעטערן צו העלסטע זונען,
אין דיין שטילסטער שעה ;
ווי אַ כינעזישע פרינצעסין — שטומען —
איך בין טאַבו.

קאָנסט שלייפן חלפדיקע ווערטער,
און ווידער זאָגסטו הייליק צו ;
ווי אַ קאָמעט זיך אויסלעשן — מיין באַגערטער —
איך בין טאַבו.

וועסט אויסשטרעקן דיין האַנט אין פיבער,
אַ קום ניט צו ;
וועסט זיך אָפבריען פון מיינע גלידער —
איך בין טאַבו.

## יד.

ווי שמשון מיט די קייטן אין געפּעכט,
אַזוי שלאָג איך זיך מיט זיך דורך נעכט...

גיב מיר כוח ניט צו זיין געשטראָפט,
ווי דאָס אייזן אין פייער אויסגעפּרופט...

איך וויל גאַנץ זיין ווי לבנה אין איר רונד,
ברעך ניט שטיקער פון אונדזער בונד.

איך בין ווי דער פידל היינט פאַרשטילט —
פון בויגן ניט אויסגעשפּילט.

## יח.

איך האָב זיך געראַנגלט מיט דיר אין מיין צווייפל
ווי דניאל אין גרוב מיט די לייבן —
דורך טעג, און דורך נעכט אין מיין צווייפל.

געוואָלט דיך אין דמיון פאַרטרייבן,
געקאָוועט מיין ליבע אין פייערדיקע רייפן —
קיין שמיד קאָן זי ניט אָפּשלייפן...

ניטאָ אַזאָ שליסל וואָס קאָן זי צעשיידן,
ניטאָ אַזאָ מילראָד וואָס וועט זי צערייבן —
מיר וועלן אין ליבשאַפט פאַרבלייבן...

## יז.

איך וואַרף דיר די פייל פונעם בויגן,
איך שליידער דיך אָפּ אין דיין שפּיל;
ווי אַ יעגער אויף יאַגד אויסגעבויגן —
זאָל טרעפן מיין פייל אין איר ציל.

ווי אַ שטורעם וואָס שלעפּט מיט אין רעגן,
ביימער צעוויכערט אין ווינט —
אַזוי שפּרינגען די נעכט מיר אַנטקעגן
און וואַיען צערייצטע ווי הינט...

איך וואַרף דיך אָפּ אין מיין ליבע,
מיטן האַס פון אַ געפּייניקטער ווייב —
איך פאַל צו אויף מיין קישן אַ מידע
און עס ווייסט זיך אין חושך מיין לייב.

## יח.

דו האָסט זיך אין מיין מויל איינגעשניטן,
איך טראָג נאָך דיין ריח פון לייב;
עס בריט נאָך דיין קוש אויף די ליפּן,
איך בין ווייב, איך בין ווייב.

בייס איך אין קלעם מיינע ליפּן,
בין איך די בייטש און די רוט;
ווי אין קאַרשן זאַפּטיקע בליטן,
בייס איך די ליפּן ביז בלוט.

מען האָט היינט אַ פעלד אָפּגעשניטן,
מיט סערפּן זאַנגען אויף זאַנג;
איך טראָג דיין קוש אויף די ליפּן,
ווי דעם שאַרף פון סערפּן־געקלאַנג...

### יח.

מיר זיינען צוויי גופים געבונדן,
איין שטיק פון גאָט אויסגעקנאָטן;
אַ הייל איצט דורך ליבשאַפט די וואונדן,
שפּיל מיך אויס ווי אויף נאָטן.

שפּיל אויס, שפּיל אויס מיך אין ציטער,
צום אָנהויב און סוף פון דער וועלט;
אויף פליגל פון דינסטע געמיטער,
אין מיין וואַלדיק־גרינעם געצעלט.

איך הער איצט די שענסטע געזאַנגען,
אַ וויינפויגל וויינט איצט אין וואַלד;
איך בין איצט אַ פויגל געפאַנגען,
און נעסטיק אין דיין געשטאַלט...

# צוואַנציק פרילינגס

(אהרנען)

צוואַנציק פרילינגס טראָג איך דיר אַנטקעגן,
געליבטער מיינער — דורך די אַלע יאָר;
צוואַנציק פרילינגס ציילט זיך מיין פאַרמעגן,
היינט בין איך מיט דיר דאָס שענסטע פּאָר.

צוואַנציק פרילינגס מיט שטורעם און מיט רעגן,
מיט געוויטער און מיט זונען־שיין;
כ'האָב געלעבט פאַר דיר, אויך פאַר דיינעט וועגן,
שטאַרבן גרייט געווען, געליבטער מיין.

אין דיין גרויסקייט — בין איך גרעסער נאָך געוואָרן,
אין דיין קליינקייט בין איך פון דיר אַ גליד;
צוואַנציק פרילינגס — צוואַנציק פולע יאָרן,
ווי זאַנגען רייפע אויף אַ פעלד צעבליט.

זיינען טעג געווען, האָסטו זיך דערוויטערט,
שווער געווען באַנעמען דיך אין גאַנג;
אין דיין צער — האָב איך זיך אויסגעלייטערט,
פאַר דיין פּיין געצאָלט דיר מיט געזאַנג...

צוואַנציק פרילינגס — די וועלט האָט זיך געביטן;
אויף בלוט און פייער, אויף שווערד און שטאָל,
מיר האָבן אַ בונד אַ הייליקן פאַרשניטן,
געליבטער מיינער — אויף אַלע, אַלע מאָל...

צוואַנציק פרילינגס געטיילט מיט דיר צוזאַמען,
איך קוק צוריק מיט פרייד און זאָג: ס'איז ווערט;
אויף ברייטע שליאַכן מיר וועלן ווייטער שפּאַנען,
און זייען פרייד און ליבשאַפט אויף דער ערד.

# אינהאַלט


## I

צום צווייטן המן — 5
ווי קאָן איך זינגען? — 6
ער גראָבט פאַר זיך אַ קבר — 7
קינדערלעך אין פאַרזיגלטע
וואַגאָנען — 8
צעפּ — 9
דער בערן-טאַנץ — 11
די קללה פון אַ מאַמען — 12
דאָס קול פון אַ קינד — 14
צו חלום — 15
אַ טויטן-וואַלץ — 16
מיין זיידנס ניגון — 17
קדושות — 19
מיין יחוס-בריוו — 34
דורך צער און דורך טרערן — 36
מיין באָבעס סידור — 37
ווייַ צו מיינע הענט — 38
מאַמע — 39
אין די פאָרכטיקע טעג — 40
הערשל גרינשפּאַן — 42
די באַלאַדע וועגן טאַניאַ
דער פּאַרטיזאַנקע — 43
ברודער, מיין ברודער! — 55
צו די העלדן פון מאָסקווע — 57
איך ענטפער — 58
צו חנה לעווין אין סאָוועטן-
פאַרבאַנד — 60
בלוט און פרילינג — 61
אין טאָג פון משפּט — 63
דאָס אַש און ביינער פון מיין
פאָלק — 64
אונטערן געדענק-בוים — 65
דער טורעם — 66

## II

איך הויב אויף מיינע אויגן — 71
אין וואַלד — 72
מיין הייליקע ערד — 73
עס רוישט אַ וואַסער אין די
צווייגן — 74
דאָס געפאַלענע פערד — 75
צו דער זון! — 76
צו די בערג! — 77
דאָס טעלערל פון הימל — 78
אין בלוט פאַרגייט די זון — 79
מאַן — 80
אַ בלוטיקע קויל — 81
ווהי-פער-וויל — 82
האַרבסט-וואַלד — 83
אינדיאַנער זומער — 84
דאָס ליד פון עפּלבוים — 85
דאָס ליד פון רויטן עפּל — 86
דאָס ליד פון עפּל מיטן וואָרעם 87
דאָס ליד פון פוילן עפּל — 88
עפּל-קוואַס — 89
ווייסער שניי — 90
פראָסט — 91
עס פּיקט זיך דער פרילינג — 92
דאָס באָרוועסע יינגעלע — 93

## III

די גאָלדענע קייט — 97
דאָס רויטע טיכל — 98
פאַריתומטע ליוכטער — 99
דער פּאַטש — 100
מיין חבר פון די קינדער-יאָרן 101
טאַנץ-שיכעלעך — 104
מיין באָבע האָדע — 105
גייט דער שוחט דעם שבת
אַנטקעגן — 106
צו אייך, פרויען — 107
פאַרליבטע אויגן — 108
פרוי — 109
אין אַ נאַכט — 110
לעבן — 111
ניט דאָס האָב איך געמיינט — 112
אַמאָל איז געווען אַ מלך — 113
פאַרנעם מיינע רייד — 114
פענצטער — 115
איך בין אַ טאָכטער פון מיין
פאָלק — 116

## IV

יידישע אויגן — 119
מ. אָלגין — 120
צו אייזיק ראַבאָי אין
סאַניטאַריום — 121
אברהם מאַניעוויטש — 122
אבא שטאָלצנבערג — 123
דער לעצטער פון אַ דור — 124
די שפּיל גייט אָן — 125
דאָס טויטן-העמד — 126
גרשון-לייב — 128
אַ גרוס דיר, איציק פעפער! — 129
ברענג אַהיים אַ סאָלדאַט — 130
אינאייגעם — 131
צוויי אַרבעטער-ברידער — 133
ביים טיש — 134
אויך מיין זון וועט מיין שטאַם
ניט פאַרשעמען — 135
וויין ניט, מאַמע — 136
טעג — 137
טעכטער פון דער נויט — 138
רויטע קאַוואַלעריע — 139
דער פרייהייט-גלאָק — 140

## V

אין ליבשאַפט — 144
צוואַנציק פרילינגס — 159

[illegible]